STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04573

OYFN GLAYKHEN VEG

L. Creskoff

Permanent preservation of this book was made possible
by Lawrence W. Oseran
in honor of
Carol Oseran Starin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. קראַסקאָ

אויפן גלייכן וועג

ל. קראסקאָף

אויפן גלייכן וועג

ארויסגעגעבען פון פערלאג
„ל ע ב ע ן“
פילאדעלפיע 1924

Copyright 1924
by
L. CRESKOFF

MID-CITY PRESS
8TH & LOCUST STS., PHILA.
20

אויפן גלייכען וועג

בילדער,

ערצעהלונגען,

איינדריקען.

מיין נאָהענסטען פריינט

אין לעבען,

מיין פרוי טויבע —

דאס בוך געווידמעט.

אינהאלט

א) בילדער און ערצעהלונגען.
ב) איינדריקען.

בילדער און ערצעהלונגען

1. – מיסטער בערעזאווער................... 15
2. – אויף וואס זאל ער בעטען ?............ 61
3. – זי האט גע'חלש'ט..................... 69
4. – דאס ערשטע און דאס לעצטע מאהל........ 77
5. – יענער סדר........................... 86

איינדריקען

6. – פריהלינג........................... 97
7. – אונטערן מעסער...................... 103
8. – א. אין האָספּיטאל.................. 113
– ב. צווישען די חולאים.
– ג. פון היץ.
– ד. דער פרעהליכער חולה.
– ה. די שוויגער.
9. – די איבערגעריסענע שמונה עשרה.......... 129
10. – גוים שרעקען זיך פאר א פּאָגראָם..... 139
11. – אלע האבען געוויינט................. 147
12. – אהיים............................. 155
13. – צוויי פּאַראדען................... 161
14. – די באבישע......................... 169
15. – א יאהר־צייט טרויער................ 175
16. – „געזעצליך"........................ 185
17. – יתגדל ויתקדש...................... 191
18. דער אלטער בוים....................... 199

א

בילדער און ערצעהלונגען

מיסטער בערעזאווער

קאפּיטעל איינס

אבגעלאזען און פערכמורעט, שטעהט די רויטע פיער־פלאָריגע געביידע. דער פערזשאווערטער צעבויגענער „אָנינג“ וואס שטעקט פון איהר ארויס, הענגט מרה שחורה׳דיג איבער אן אנגעוואָרפענעם „סטענד“ מיט רעשטען און רעשטלעך מכל המינים שניט־סחורה און „שאר יקרות“, וואס לאזען וויסען די פארבייגעהער, אז אינעווייניג, אין „סטאר“ איז דאָ מציאות. פון די אָפענע פענסטער מיט די האלב אויסגעבראכענע שויבען, הענגט ארויס: א צעריסענע קאלדרע פון וועלכער עס קוקט ארויס די וואטע, און א פּאָר נאסע שמאטעס צום טריקענען.

דער שניטקרעמער, מיסטער בערעזאווער, א איד אין די מיטעלע יאהרען מיט א הדרת פּנים׳דיקען אויסזעהען פון א היימישען מזרח בעל הבית, זיצט אויף דער שוועל

פון סטאר. די תמוז־זון האט זיך אויף איהם אנגעזעצט מיט איהר גאנצער קראפט און באקט איהם אהן רחמנות, זיצט ער מיט האלב צוגעמאכטע אויגען און דרימעלט זיך אונטער וואכעדיגערהייט. ניט ווייט פון איהם שטעהט א פיש־סטאר, דער פישער האט זיך נעכטען צוגע־פוילט אבצוקעהרען דעם טרעטואר פאר זיין סטאר, זע־נען געבליבען דארט ליגען גאנצע קופעס מיט ליסקעס, און אויף זיי האבען זיך בעזעצט גאנצע מחנות פליגען, זומזען זיי און רוישען. אפאר פליגען צושלאגען זיך אי־בער א פעט „ערטעל", איינע האט די אנדערע א שטאר־קען שטויס געטאן, די שוואכערע איז אבגעטראטען, און אנטלויפענדיג האט זי זיך אבגעשטעלט ביי בערעזאווערען אונטערען נאז וואו זי האט „פאסמאקאוועט" אז ס'איז א פרוכטבארער ארט צו מאכען א לעבען און האט זיך פאר גרויס שמחה גענומען דריגען מיט א פיסעל. בערעזאווער פערדרעהט די נאז, גיט א פאטש מיט דער האנד און טרעפט זיין אייגענער נאז, די פליג זומזעט אוועק, דרעהט זיך, רוישט, און קעהרט זיך באלד צוריק: משמעות דאס פלאץ איז איהר שטארק געפעלען. בערעזאווער גיט ווי־דער א דרעה מיט דער נאז, א פאטש מיט דער האנד, און טרעפט ווידער ניט. ער ווערט ברוגז, שטעלט זיך אויף, גיט א שפיי און געהט אריין אין סטאר.

אין סטאר שטעהט ער מיט א געקנייטשטען שטערען אוןווארט.

עס קומט אריין א קאסטאמער: א דיקע אידענע מיט א גאמבע. זי קוקט זיך ארום מיט א תנועה ווי זי וואלט געוועזן א בעלן צו זעהן, וואס משטיינסגעזאגט מען קען דא קריגען פאר א וואארע. בערעזאווער שטעלט זיך

ארוטער אונטערן „קאנטאָר“ און פרעגט: וואס ער קען פאר איהר טאָן. —

— וואס איהר קענט פאר מיר טאָן — ענטפערט די אידענע — איך וויל א „רעמיטש“ פאר א „דרעס.“

— קיין רעמיטשים האב איך ניט, נאָר איך קען אייך געבען פון שטיק גוטע סחורה און ביליג.

— איך זוך ניט פון שטיק, איך זוך נאָר א „רע־מיטש“ . . . . פון שטיק ווייס איך שוין וואו צו גע־פונען . . . .

בערעזאָווער ווערט אביסעל אויפגעטראָגען און זאגט:

— וואס זשע דענקט איהר? איהר מיינט אז „רע־מיטשעס“ וואקסען אויף בוימער אדער מען רייסט זיי אן אין וואלד? און אז מען גיט אייך „רעמיטשעס“ מיינט איהר אז דאס זיינען טאקע „רעמיטשעס“? מען נעהמט פשוט א שטיק סחורה, מען צושניידט זי אויף רעשטען און מען גיט אייך רעשטען. אפילו די דעפארטמענט־סטאָרס טוען אויך דאס זעלבע. איהר ווילט רעשטען נאט אייך רעשטען. און וואס זשע איז דער חילוק? איך וועל אייך אבשניידען פון שטיק וועט עס זיין א רעשט . . . .

— אז איך וויל אבער ניט פון שטיק?! אז איך וויל א „רעמיטש“! זאגט זשע אז איהר האט ניט און האט א גוטען טאג.

און זי שטעהט שוין ביי דער טיר גרייט צום אוועקגעהן.

— אבער צו וואס איז דאס לויפען? אנקוקען מעגט איהר דאָך? אדרבה, קוקט אן די וואארע וועט

איהר אליין זעהן אז פון שטיק איז ביליגער ווי פון „רע־מיטש.“

— מילא. אויך דאס אייגענע — ענטפערט די אי־דענע איך בין שוין דאָ וועל איך אנקוקען.

— פון וואס פאר א פרייז און פון וואס פאר א קאליער סחורה ווילט איהר?

— צייגט וואס איהר האט, וועל איך זעהן.

בערעזאוועד ווערט בעוועגליך, שלעפט פון די פאָ־ליצעס עטליכע שטיקער סחורה צו־וויקעלט זיי און לעגט זיי אויס פאר דער אידענע און פרעגט זי:

— נו, וועלכעס געפעהלט אייך?

— איך גלייך ניט — גיט די אידענע א דרעה מיט דער נאָז.

ווארפט ער ווידער אן א פּאָר שטיק סחורה.

— זי גלייכט ניט.

בערעזאוועד שטעהט ניט אב. ווארפט ווידער אן, צו־ווארפט אלע פאליצעס, פערלעגט דעם גאנצען קאנ־טאר, ביז איהר אויג שטעלט זיך אב אויף א שטיק זיי־דענס. זי טאפט אן די סחורה און זאגט „קאמענע“. דערנאך צונעהמט זי דאס שטיק סחורה און קוקט אויף דעם געגען דער זון, בדק׳ענט עס, דרייט עס, זוכט חסרונות, ביז די דערטאפט עפעס א „פינהאָל“, זי הייבט גלייך אן שטופען דעם פינגער, שטופט און שטופט, ביז פון „פיננהאָל“ ווערט א לאָך . . . דערנאך לייגט זי אוועק די סחורה אויפן קאנטאר מיט דער פגימה ארויף ווי זי וואלט געוואלט מיט דעם שטעכען בערעזאווערן די אוי־גען.

און זי צולאזט זיך אין א מענה־לשון:

— כ׳וועל אייך זאגען דעם ריינעם אמת: איך גלייך נאָר קויפען אין „סיילס“, און ניט אין קיין „פּוטקע־סטאָר“ סייל. ווייל אין די „פּוטקע“ סטארס „בלאָפט“ מען, מען נארט אייך אב, אז מען מאכט שוין א סייל לאזט מען מעהר פון צעהן פּראָצענט ניט ארונטער. דאס איז ניט קיין סייל, ס׳איז נאָר חוזק: צעהן פּראָצענט וויינינגער איז ניט קיין סייל . . . איך גלייך טאקע צו קויפען אין די דעפּארטמענט סטארס: דארט, אז ס׳איז א סייל קען מען אנטאפּען א מציאה, דארט קען מען קריגען א שטיקעל וואארע, וואס נעכטען איז זי געווען געמארקט פיער דאלאר א יארד, איז זי היינט אין סייל איבערגעמארקט מיט רויטען נאָר אויף צוויי דאלאר א יארד. אָט דאס פערשטעה איך הייסט א סייל.

בערעזאוווער הייבט אן מיט איהר צו דיסקוטירען און וויל איהר געבען צו פערשטעהען אז ס׳איז פּונקט פּער־קעהרט:

— אדרבה: די מציאה איז נישט אין דעפּארטמענט סטאר, נאָר דוקא אין „פּוטקע“ סטאר. ווארום דער „פּוטקע“ סטאר אז ער לאזט ארונטער צעהן פּראָצענט פונם פּרייז, לאזט ער ארונטער זיין גאנצען פערדינסט, און אז דער גרויסער דעפּארטמענט סטאר לאזט ארונטער אפילו גאנצע פופציג פּראָצענט פונם פּרייז, בלייבט איהם נאָך אלץ גאנצע דרייסיג פּראָצענט פּראָפיט.

און בערעזאוווער שלעפּט ארויס דעם „טיקעט“ פונם שטיקעל סחורה און ווייזט איהר דעם אויפגעשריבענעם פּרייז.

די אידענע גיט א קוק אויפן טיקעט און פרעגט סאר־קאסטיש:

— ביי אייך איז אודאי „וואָן פרייז״?

ענטפערט ער:

— יא, „וואָן פרייז.״

—און איך — זאגט די אידענע שמייכלענדיג — גלייך ניט צו קויפען דארט וואו ס'איז „וואָן־פרייז״, פאר מיין געלד האב איך א רעכט זיך צו דינגען .... גע־הערט אביסעל: „וואן פרייז״ — איך האב פיינט, „וואָן פרייז.״

זי הויבט זיך אויף פון ארט, און מיט א תנועה פון א בעליידיגטער געהט זי ארויס פון סטאָר.

בערעזאווער בלייבט שטעהן א צוטומעלטער ביי א פול אנגעוואָרפענעם טיש מיט סחורה.

עס קומט אריין אן אומבעקאנטער דיקער מאן, מיט א דאָפעלטער גאמבע. ער בעגריסט בערעזאווערען היי־מישלעך, שמייכלענדיג מיט'ן „גוד־מאָנינג״ און „נאיס־דעי״, און פרעגט בערעזאווערען „האָו איז ביזנעס״?

בערעזאווערן פאלט איין, אז דער „פארשוין איז גע־וויס א שליח פון דער „אר־דזשי־דאן״, אדער פון די „ברעדס״, וואס האבען א טבע אויפן פערלאנג פון א „האָלסיילער״ צו קומען איהם „מבקר חולה״ זיין, איבער־צעהלען די בעבעכעס און איהם א טאפ טאן ביים דופק צו ער שמעקט ניט מיט „צדוק־הדין״ .... ער שטעלט אן א שמייכלענדיג פנים און ענטפערט אז ביזנעס איז אָלרייט ... נישט צום פערזינדיגען ...

דער אומבעקאנטער מאן מיט דער דאָפעלטער גאָמ־בע איז שטארק צופריעדען מיט בערעזאווערס ערקלעהרונג אז ביזנעס איז אלרייט און דערלאנגט איהם א געל „פיי־פערעל״ ....

בערעזאווער דערזעהט די „דאָבל־לייסענס“ און עס ווערט איהם טונקעל אין די אויגען . . . ;

דער פארשווין געזעגענט זיך און ווערט אנטרונען.

בערעזאווער בלייבט שטעהן א דערשלאָגענער, און ווייסט אליין ניט וואס ער דאַרף איצט טאָן . . . . ער הייבט אן שפּאַנען איבערען סטאָר הין און צוריק, שפּאַנט און טראַכט שווער און פערביטערט: נאָ דיר קרעמערייִ . . . אן אנשיקעניש אן אבקומעניש, ביז מען דערזעהט דעם קאָסטאָמער קריכען ארויס די אויגען פון קאָפּ, און אַז ער קומט שוין — דאַרף מען ערשט פון איהם ארויס קריגען אזא פּרייז, עס זאל קלעקען פאר אלע: פארן מילנער, פארן האָלסיילער, פאר די אר־בייטער וואס פּראָדוצירען די סחורה, פאר׳ן „לענדלער“ פאר געז און עלעקטריק־קאמפּאַניס, און אויך פאר „דאָבל־לייסענס“ . . . . און די אלע וואס מאכען פון איהם א לעבען: דער שניידער, דער שוסטער, דער בעקער און דער מילכמאַן, ווילען ניט וויסען און האבען גאר נישט אין זינען, אז אויך ער, מיסטער בערעזאווער, דאַרף לע־בען, און זיי לויפען האנדלען מציאות אין די דעפּאַרט־מענט סטאָרס.

בערעזאווער מאכט זיך אין דער שטיל א שטיקעל חשבון הנפש, און לאָזט ארויס איין זיפץ נאָכן צווייטען טראַכטענדיג:

אלע מענשען עסען צו דער צייט, שלאָפען זייער צייט, האבען הנאה פון גאָטס וועלט, נאָר ער איינער איז פערוואָגעלט און פערקויפט: עסט נישט, שלאָפט נישט, ליגט צוגעבונדען צום סטאָר ווי א הונט אויף דער קייט, ווי אן ארויסגעשטויסענער פון לעבען. יעדער קאָסטאָ־

מער געפינט נאָך פאר זיין חוב איהם צו עסען די גאל און דערגעהען די יאהרען, זיי פייניגען איהם פון זעקס אין דער פריה ביז צוועלף ביי נאכט סיי אינדערוואָכען סיי שבת און יום־טוב, ער האט קיינמאל קיין פרייע מי־נוט. וואלט ער גענומען און געשלאגען כפרות מיט די גאנצע ביזנעס, מענשען לעבען דאָך אָהן אזעלכע ביזנעס אויך, געה זשע מאך, אז די סחורה איז צובאָרגט צווי־שען די קאסטאמער, און זיי זיינען איצט די בעלי־בתים ניט ער . . .

בערעזאווער בלייבט שטעהן, ווישט זיך אב דעם שוויים פון שטערען, געהט צוריק ארוים אין דרויסען, און זעצט זיך אוועק ווי א פערמשפּט'ער לעבען סטענד.

די זון באקט פערעקשנט און מיט שטארקער היץ, די לופט איז גערירכט און שטיקענד. א שלעכטער ריח האט זיך פלוצלונג א שלאג געטאן צו איהם אין נאָז אריין: א שכן האט נאר וואס ארויסגעגאסען ראָסעל פון זויערע אוגערקעס, און דער ריח האט זיך צעטראגען איבער דער גאנצער גאס.

בערעזאווער זיצט מיט טרויריגע אויגען און עס פאלט איהם איין: איצט זיינען אלע פאבריקען פער־מאכט, די בעלי בתים זענען זיך צופאהרען אין די זו־מער־פלעצער, ניט ווילענדיג האבען זיי אויך געמוזט בע־פרייען די ארבייטער, זיי זאלען אויך פאהרען געניסען פון דער שעהנער נאטור, זיך אנזעטיגען מיט פרישער לופט, און ברענגען מיט זיך פרישען מוטה צום לעבען. און נאר ער, בערעזאווער מוז דאָ ליגען ווי א הונט אויף דער קייט.

און ווען בערעזאווער דערמאנט זיך אין דער פריי־

שער נאַטור, הייבט ער שוין אָן פֿערזינקען אין חלומות. דערמאָנט זיך אין דער יוגענד און שטעלט זיך פֿאָר די גרינע פֿעלדער און וועלדער. עס שמעקט אַזוי מחיה'דיג פֿון די גראָזען און פֿערשידענע קווייטען, אין די גערטנער שטעהן בוימער בעלאַדען מיט עפּעל, בארען, וויינשיל און פֿלוימען, אונטער די בוימער ליגען זארגלאָזע פֿרייע מענשען, קייקלען זיך אויפֿן גראָז, לאַכען און שטיפֿען. רייסען פּירות פֿון די בוימער און שלינגען זיי מיט גרויס הנאה. און א גרויס בענקעניש שטעהט אויף, די נשמה וויינט פֿון גרויס צער, ער דערמאָנט זיך די פֿערלאָפֿענע וויטע צייט, ווען אויך ער האָט זיך געחבר'ט מיט פֿעלדער און וועלדער, געאַרבעט רוהיג בייטאָג און געשלאָפֿען געשמאַק ביינאַכט, געוואוסט פֿון שבתים און ימים־טובים פֿון פֿרייד און פֿון בעגייסטערונג, און נישט ווי היינט, ווען דאָס לעבען איז פּוסט און וואָכעדיג, און ער מוז זיצען דעם גאַנצען טאָג, קוקען אויף דער שמוציגער גאַס, און שמעקען כסדר די אומריינע לופֿט.

אַזוי זיצט בערעזאָווער און עפּעס וויינט איהם טיף אין האַרצען. ביז עס בעווייזט זיך א קאָסטאָמער און רייסט איהם איבער זיין טראַכטען.

— וואָס זשע איהר כאַפּט גאָר א דרימעל? — פֿרעגט איהם די אידענע מיט א היימישקייט.

בערעזאָווער בעמיהט זיך א שמייכעל טאָן, ער קען זי די אידענע, זי איז זיינע א לאַדזשען־שוועסטער. ער בעגריסט איהר פֿריינדליך, שטעהט אויף און געהט אריין אין סטאָר. זי נאָך איהם. ער שטעלט זיך אויף זיין אָרט אונטערן קאַנטאָר פֿאַרטיג צו דער ארבייט.

נאָר זי, די אידענע, הייבט אָן מיט א גאַנצע הקדמה:

— כ'וועל אייך זאגען דעם גאנצען ריינעם אמת: איך גלייך צו קויפען נאָר דאָרט וואו ס'איז „וואָן־פרייז" וואו א וואָרט איז א וואָרט און מען נארט ניט אב. איך גלייך נישט, וואו מען זאגט איבער, ווארום דינגען זיך — דאס קען איך ניט, אזא מענש בין איך: איך קען זיך ניט דינגען. אוועקגעהען ווידער ניט קויפען — גלייך איך נישט. געה איך דערפאר בעסער קויפען אין א „דעפּארטמענט־סטאָר", וואו ס'איז „וואָן־פּרייז". דארט האב איך איין ארבייט: זעהן עס זאל מיר געפעלען און גענוג. דינגען זיך דארף איך ניט. איך דארף אפילו דעם פּרייז ניט פרעגען: עס איז אויפגעשריבען און גענוג. איך זעה דעם פּרייז אויף דער וואארע און — לוינט זיך מיר — קויף איך, און איך האב נישט מורא טאמער נארט מען מיך אב און מען נעהמט ביי מיר איבער. ס'איז דאָך איין פּרייז פאר אלע. אויב מען נעהמט איבער ביי מיר, נעהמט מען דאָך איבער ביי אלעמען: נאָר וואס־זשע בין איך געקומען צו אייך?—גאָר פשוט: ווייל מיין מיסטער האט מיר געזאגט, איך זאל אייך געבען א „שאו."

בערעזאוועך שמייכעלט טרויעריג און זאגט:

— ביי מיר דארף מען זיך ניט דינגען. ביי מיר איז פאר יעדען איין פּרייז. אמת טאקע, אז אמאל פלעג איך נישט האלטען קיין „וואָן פּרייז", נאָר איך האב איינגעזעהען אז פאר א קרעמער איז אָן אומגליק צו האַבען צוויי פּרייזען. ערשטענס — נעהמט דאס דינגען־זיך צו איבעריגע צייט, צווייטענס — דארף מען ביי יעדען קאסטאמער אוועקלעגען א שטיק געזונד. האב איך דעריבער בעשלאסען אוועקצושטעלען „וואָן פּרייז", האב

איך אויסגעמאַרקט אַלע מיינע סחורות לויט צעהן פּראָ־
צענט פּראָפיט און טאַקע גאַר נישט מעהר, בכדי אַז דער
„קאָסטאָמער" וועט אוועקגעהן אומגעקויפט, זאָל מיר
דאָס האַרץ נישט וועה טאָן. ווייל איך ווייס ביי מיר,
אַז ס'איז נישט מיין שולד: ביליגער לייזען קען איך
נישט.

— אויב אַזוי — זאָגט די אידענע — איז עפּעס
אַנדערש . . . בין איך טאַקע צופרידען.

בערעזאָווער הייבט אָן וואַרפען איין שטיק סחורה
נאָך דער צווייטער. וויקעלט אויף ווייזט, און וואַרפט אַזוי
לאַנג, ביז די אידענע קלייבט זיך צו אַ פּאָר קאָלירען,
און ער איז שוין גרייט צום שניידען:

— וויפיעל יאַרד דאַרפט איהר?

— איך דאַרף: פינף, און פינף, נאָר איידער איהר
שניידט, וויל איך אייך זאָגען, אַז איך וויל האָבען צעהן
פּראָצענט „דיסקאַונט" פון דעם פּרייז וואָס ס'איז אָנגע־
שריבען. ווייל אין אַלע דעפּאַרטמענט־סטאָרס וואו איך
קויף, גיט מען מיר אַרונטער צעהן פּראָצענט פון'ם פּרייז.

—אָבער וואָס גלייכט איהר מיך צו די דעפּאַרטמענט
סטאָרס? — הייבט בערעזאָווער אָן מיט אַ בעטענדיג
קול — יענע האָבען גרויסע פּראָפיטען קענען זיי אייך
אַרונטער געבען אַ „דיסקאָנט", אָבער איך פערדין דאָך
אינגאַנצען נישט מעהר ווי צעהן פּראָצענט, פון וואָס זשע
זאָל איך אייך אַרונטערלאָזען?

— ווער זשע צווינגט אייך? איך צווינג אייך דען
ח"ו? אַז איהר קענט ניט — קענט איהר ניט, האָט
מיר אַ גוטען טאָג.

און לאָזט זיך שוין צו דער טהיר.

בערעזאווערען פערדרעהט זיך אזש דער קאָפּ. ס'איז א פּדיון פון פופציג דאָלאר, ער מוז נאָך היינט מאכען א „דעפּאזיט" אין די בענק, כדי דער טשעק וואס ער האט נעכטען ארויסגעגעבען זאל נישט געהן צוריק . . . וואס זשע טהוט מען? און עס פאלט איהם איין: מילא, וועט ער דאס מאל פארקויפען אין קרן, און פון איצט אן וועט ער שוין וויסען, אז די סחורה דארף מען מארקען מיט צוואנציג פּראָצענט פּראָפיט, כדי עס זאל זיין פון וואנען אראָבצוגעבען צעהן פּראָצענט. געהט ער איהר נאָך און רופט זי צוריק:

— איך האב פיינט אז מען רופט מיך צוריק — ענטפערט די אידענע ברוגז — און געהט אוועק.

אין א האלבער שעה ארום קומט זי צוריק, און גיט איהם צו פערשטעהן, אז כאָטש ער איז ניט קיין פיינער מאן, פון דעסטוועגען וויל זי נישט, אלס לאדזשען־שוועסטער, אוועקגעבען זיין פּדיון אן אנדערען. נאָר וואס דען? א שטראָף מוז זי איהם געבען. דאס מאל פערלאנגט זי פון איהם צוואנציג פּראָצענט „דיסקאנט" אויב ער וויל זי האבען פאר א שטענדיגער קאָסטאָמער. און ס'איז דאָך טאקע רעכט אויך: ווארום, אויב די דעפּארטמענט־סטארס, וואס האבען אזעלכע גרויסע „עקספּענסעס" קענען געבען צעהן פּראָצענט, קען ער טאקע געבען צוואנציג.

בערעזאווער שטעהט אן אומבעהאלפענער, שווערט ביי ווייב און קינדער, אז ער מאכט סך הכל איינגאנצען נישט מעהר פון צעהן פּראָצענט, און אויך די צעהן גיט ער איהר אוועק כדי צו מאכען דעם פּדיון. נאָר זי, גיט א בייג דעם קאָפּ:

— דארף מען ניט . . .

און לאזט זיך אוועקגעהן.

בערעזאווער גיט א קוק אויפן זייגער, אָט אָט ווערט דריי, מען מוז שוין לויפען אין די בענק . . . . און די אידענע שטעהט שוין ביי דער טהיר. אָט טרעט זי ארי־בער די שוועל און געה שריי חי וקים, צוריקרופען טאהר מען ניט . . . מילא, זאל זיין וואס עס וויל זיך . . . . ער האט א ברירה? וועט ער דאס מאל פערלירען צעהן פראָצענט . . . . און עס רייסט זיך ארוים פון זיין מויל: „אָלרייט" און ער נעהמט זיך מעסטען.

— ערשט איצט זעה איך, וואס פאר א שווינדלער איהר זענט — רופט זיך אן די אידענע ציניש — נאָך די אלע שבועות וואס איהר האט געשוואוירען ביי ווייב און קינדער, קענט איהר פונדעסטוועגען ארונטערלאזען צוואנציג פראָצענט, מען דארף א נדר טאן קיינמאל נישט אריינצוטרעטען אין אזעלכע שווינדלערשע סטארס — מעג עס זיין אפילו ביי אן אייגענעם מאנ'ס א ברודער . ..

ביי בערעזאווערען האט זיך דאס הארץ א וואָרף גע־טאן. ער האט א משונה'דיגען ציטער געטאן, ער האט געוואלט אויפהייבען עפעס א ווילד געשריי — נאָר — ער איז געבליבען שטעהן ווי פערגליווערט און האט זיך ניט געקענט ריהרען פון אָרט . . . .

קאפיטעל צוויי

דאס גאנצע יאהר האט בערעזאווער נישט קיין צייט צו טראכטען: ער איז כסדר טרוד מיט די ביזנעס: טראגט ארויס דעם „סטענד״, טראגט אריין, צו־ווארפט די סחורה, לעגט צונויף, און ווידער צו־ווארפען, און ווידער צונויפגעלעגט: מעסט, רעדט, קעמפט, קאנקורירט, קויפט סחורה, צאהלט „בילס״, „נאוטס״, שרייבט טשעקס, לויפט צו די בענק, און רוהט נישט; און ניט נאר ביי טאג איז בערעזאווער טרוד, נאָר אויך ביינאכט; אלע ניט דערצאהלטע בילס, און נאוטס, קומען איהם ביינאכט צו חלום און שטערן איהם זיין רוה, און ער האט קיינמאל ניט קיין צייט זיך אבצוגעבען קיין חשבון הנפש. קומען אבער די הייסע חדשים פון זשולאי און אויגוסט, ווען אלע צופאהרען זיך אין די קאנטרעס, און אין די זומער פלע־צער, און עס בלייבען איבער נאָר די וואס קענען פון קיין „פלעזשור״ ניט חלום׳ן, ווערט אין שטאדט א פוסט־קייט מיט א נודניקייט, די סטארס הייבען אן דרימ־לען, און בערעזאווער האט צייט צו טראכטען . . .

זיצט בערעזאווער גאנצע טעג לעבען סטענד, טרייבט די פליגען מיטען פאפירענעם קאנטשיק און טראכט. טראכט פון זיך, פון יענעם, פון זיינע קרעדיטארען, און גלאט אזוי. טראכט פון זיינע קינדער ווי זיי ווערען ערצויגען אָהן שום מאָראל, אָהן אויפזיכט פון עלטערען. זעלטען ווען ער האט צייט מיט זיי א וואָרט צו ריי־דען. אפילו עסען קענען זיי ניט צוזאמען. ווען ער פארמאכט שוין די סטאר, איז ער פערמאטערט און אויפ־גערעגט פון די אונאייננענעמענע פאסירונגען פון טאג, אין סטאר שעפט ער אויס זיין גאנצע ענערגיע און לאזט איבער זיין נשמה. ער טראכט וועגען זיין פרוי ווי ענטוויטשט זי איז, זי זעהט פון איהם קיינמאל ניט קיין פרעהליכע מינע; ער, פערנאכלייסיגט זי, זי, פערנאכ־לייסיגט איהם, און זיי ביידע פערנאכלעסיגען די קינדער. טראכט ווי דאס געשעפט געהט ערגער און ערגער, עס שטארבט פון מינוט צו מינוט, ער זינקט אין חובות און זעהט ניט פאר זיך קיין שום האָפנונג . . .

אזוי זיצט ער גאנצע טעג און טראכט. קוקט אויף דער שמוציגער גאס, און שמעקט די שווערע פערפעסטע־טע לופט, פון איבערגעשטאנענע אוגערקעס, צו־ווארעמטע הערינג, פוילע ציבאלעס, פערשטינקען קרויט, און אויס־געגאסענע פיש־יוך מיט ליסקעס, צווישען וועלכע עס גע־פונען זיך אבגהאקטע קעפ פון געפגר׳טע פיש, וואס מי־שען זיך צוזאמען מיט די שמוציגע וואסערען וואס קווע־לען פון די סאדע־וואסער סטענדס, און שטעלען זיך אפ אין קליינע טעכליך לעבען די טרעטוארען, און עס פרוכ־פערען זיך דאָרט ווערים מיט ווערימלעך מכל המינים און עס זומזען דארט ארום פליעגען און פליעגעלעך, מאס־

קיטאָס, און אַנדערע בעפּליעגעלטע באַשעפענישען, וועל־
כע גריבלען זיך אין שמוץ און ברענגען פון דאָרט אַרויס
פערשידענע ריחות, און טראָגען זיי אונטער בערעזאָוועוו־
רען אונטערן נאָז . . .

איבערן טראָטואַר ציהען זיך די איבערגעבליבענע
מענער און פרויען מיט אָנגעשפּיקעוועטע קוישען און
קיישליך פון כל המינים עסענוואַרג, און אַנדערע חפצים.
יונגע ווייבליך שטופּען קינדערשע וועגעלעך און שטעל־
לען זיך אָפּ ביי יעדער סטענד אַנטאַפּען אַ מציאה; שטעה־
לען דערווייל אָפּ אַ באַנאַנע און וואַרפען די שאָלעכץ אונ־
טער די פיס; איינער טרעט אויף דער שאָלעכץ אַרויף
און פאַלט כורעים אונטערוויילעכס, שטעהט אויף אין
איילעניש, זוכט אויס די העט, קוקט פאַר בושה קיינעם
ניט אָן . . . ער שטופּט זיך ווייטער און פערפּלאָנטערט
זיך אין אַ קינדעריש וועגעלע . . . וויל אַרויס פון דער
מהומה און פאַלט אַריין צווישען די „פּוש־קאַרדס" וואָס
שטעהען ביי די טראָטואַרען צונויפגעטשעפּעט איינס אין
צווייטען, אויף זיי ליגען אָנגעוואָרפען מכל המינים גרינ־
סען; קעסטליך מיט עפּעל, באַרען, פלוימען, לימענעס
און מאַראַנצען. ער רוקט זיך מיט געוואַלד דורך די פּוש־
קאַרדס, און טרעט אַרויף אויף אַ צופּוילטען מאַראַנץ וואָס
איז איינגעוויקעלט אין דינעם פּאַפּער, גליטשט זיך ווי־
דער אויס, און פאַלט ווידער . . . און די בעלי־בתים
פון די פּושקאַרדס גוואַלדעווען מיט משונה'דיגע קולות,
איינער וויל איבערשרייען דעם צווייטען, און עס קומט
אַרויס אַ מיש־מאַש מיט אַ קאַצעניאַמער אויף טויב צו
ווערען; איינער שרייט: „דריי ווייבער פאַר פינף
צענט" ! ! אַ צווייטער — „זעקס „צענט" אַ פונט

ציבאַלעס״! — זינגט עס אויס מיט׳ן נוסח פון אהבה רבה שטייגער; א דריטער גראַגערט מיט א גראַגער און אַלע פערבייגעהענדע שטעלען זיך אָפּ קוקען אויף זיין בייז־וואונדער וואס ער גראַגערט אין חודש אלול . . . ער שטעהט הילפּלאָז און קלעהרט ווי אזוי זיך ארויס־צורייסען פון דעם גיהנום, אין פּלוצלים לויפט אַן אַן אָטאָמאָביל, פאהרט אריין אין די אנגעזאמעלטע טעכליך און פערכליאַפּעט איהם פון קאָפּ ביז די פיס . . . ער בלייבט שטעהן ווי אַן אבגעצוואגענער כאָטש שטעל זיך אוועק אין מיטען גאס און טהו אויס די פּלידערען . . .
ער כאַפּט זיך ברוגזלעך און פערשעהמט צוריק, און שטעלט זיך אוועק לעבען ווערביט דעם פישערס סטענד וואר־טען ביז די בלאָטע וועט זיך אויסטרוקענען.

ווערביט דער פישער שטעהט פרייליך אויפגעלעגט און פערקויפט לעבעדיגע פיש; פון יענע לעבעדיגע וואס קומענדיג אין מאגען מאכען זיי זיך גע׳פּגר׳ט, ווילען זיך פון ארט ניט ריהרען ביז מען טרייבט זיי פון דאָרט מיט גוואַלד ניט ארויס . . . ווערביט הויבט אַלע מאַל אויף א פיש אין דער הויך, צייגען די פער־בייגעהער ווי גרויס ער איז, און ווארפט איהם צוריק אריין אין דער ביעט וואסער, און פערכליאַפּעט איהם נאָך מעהר . . .

אין גאס שטעהט א שווערער טומעל און אַלארם; בערעזאווער זיצט א צעטראַגענער, און פערשטעהט נישט צו וואס ער זיצט אין דעם גיהנום. ער זיפצט אַלע ווייל־עפּ, אין קאָפּ מישען זיך טרויעריגע מחשבות, און דאס הארץ ציהט און בענקט נאָך אביסעל מנוחה, נאָר ער ווייסט אז ס׳וועט גאָר נישט העלפען: איהם איז־שוין

ווייזט אוים אזוי בעשערט צו זיצען און זיך פּלאָגען צו
לעבען אָן אומרוהיגען לעבען, אין רעש און אין טומעל.

קאפיטעל דריי

אויף דער אנדערער זייט גאס, פונקט געגען איבער בערעזאווערן, שטעהט די הויכע שטאָלצע סטאר פון מיס־טער נעמעראָוו.

שעהן איז די סטאר פון דרויסען. מיט איהרע רייכע „אינפראוומענטס״ און יוגענטליכען אויסזעהען ווארפט זי אן א מורא אויף איהרע אלע שכנים וועלכע קוקען צו איהר ארויף און בוקען זיך פאר איהר מיט יראת הכבוד; אינעווייניג אין סטאר בלישטשען די גרויסע אלעקטרישע לאָמפען. די טהיר מאכט זיך ניט צו, מענשען געהן אריין און ארויס.

אויך ער מיסטער נעמיראָוו איז אין דער היים נישטא; געפאהרען איז ער אין א זומער פלאץ און געלאזט דאס געשעפט זיך פיהרען דורך די אנגעשטעלטע.

אמאל אין די יונגע יאהרען זיינען זיי ביידע: בע־רעזאווער מיט נעמעראווען געווען חברים. ביידע זיי־

נען זיי ערצויגען געוואָרען אין רוסלאַנד ביי ניט קיין רייכע עלטערן,ביידע האָבען געלעהרענט אין די זעלבע חדרים; בערעזאָווערן האָט מען גערופען זעליג, און יענעם גרשון. ער זעליג איז געווען דער גוטער קאָפּ, דער עלוי, דער שטאָלץ פון רבין; און גרשון איז גע־ווען דער פערשטאָפּטער קאָפּ, דער גולם, דער עם הארץ, די שאנדע פון חדר.

נאָכ'ן חדר האָבען זיי זיך אנגעהויבען לעהרנען סוחרים זיין; און ביידע האָבען קיין גליקען ניט גע־מאכט.

דערנאָך האָבען זיי חתונה געהאַט.

ער זעליג האָט גענומען א שעהנעם נדן, מיט אן אשת חיל, און בת תלמוד חכם. און גרשון האָט גענו־מען אן איינפאַכע מיידעל, פון פּראָסטע עלטערען.

דאָס לעבען איז זיי געוואָרען שווערער, די פאַמי־ליעס גרעסער.

זיינען זיי געקומען קיין אמעריקע.

האָבען זיי ביידע שווער און ביטער געאַרבייט ביז זיי האָבען א פּאָאָר דאָלאַר „קישקע־געלד" אבגעשפּאָרט.

און ווידער זיינען זיי שכנים געוואָרען, סטאָרס גע־עפענט, גרויסע שולדען ארויסגעהאַנגען. איינער: ז. בערעזאָווער. דער צווייטער: ג. נעמעראָוו.

ער בערעזאָווער האָט געפיהרט זיין געשעפט ער־ליך, געלעבט מיט רעכענונג, געהיט פרעמד געלד ווי דאָס אויג אין קאָפּ, געאַרבייט צוזאַמען מיט ווייב און קינדער פיער און צוואַנציג שעה אין מעת־לעת און קוים קוים געמאַכט א לעבען. נעמעראָוו פארקעהרט: האָט ווייניג געאַרבייט און פיעל פערלעבט, ביז ער האָט באַנק־

ראַטירט.

פון באַנקראָט איז איהם געבליבען: א היבש ביסעל מזומן, און א גרויסע צאָהל סחורה. האט ער אנגעהויבען קאָנקורירען, געלעזט ביליגער, איז געוואָרען א גרויסער בעל שפע, און געצאָהלט זיינע „בילס" אין צייט.

בערעזאָווער האט נישט געקענט נאכהאַלטען די קאָנקורענץ, דער פדיון איז געוואָרען קלענער און קלענער, און ער האט ניט געקענט נאכקומען זיינע חובות אין צייט; פריער האט ער אליין אנגעהויבען קויפען וועניגער סחורה; דערנאָך האבען איהם די האָלסיילער אנגעהויבען וועניגער פערקויפען; דאס געשעפט האט אנגעהויבען זינקען, וואס מ'האט געפאָדערט האט ער ניט געהאט, און ער האט מיט יעדען טאָג מעהר קאָסטאָמער פערלוירען.

האט ער אנגעהויבען זוכען מיטלען אין פערקלענערען די הוצאה.

נעמעראָוו האט געפיהרט א רייך לעבען. האט געצאָהלט זיינע חובות אין צייט, געקרוגען די סחורה ווען ער האט באַדאַרפט און אלע פלעגען איהם אנבאָטען סחורה צו פאַרקויפען. זיין געשעפט איז געגאַנגען מעלה מעלה: פון דער קליינער סטאָר איז געוואָרען א גרויסער שטאָלצער „דעפּאַרטמענט-סטאָר", איינגעאָרדענט לויט דער לעצטער מאָדע, ער איז געוואָרען א שם דבר, דער שטאָלץ פון זיין געגענד און דער ליעבלינג פון די קרעדיטאָרען.

ביז —

ער האט אויפסניי באַנקראָטירט.

און ווידער איז איהם געבליבען א גרויסע צאָהל

סחורה, מיט א שווערען „טשעק־בוך". ער האט אנגע־הויבען קויפען סחורה פיר „קעש". די האַלסיילער האַבען איהם אַלע מציאות געבראכט.

און ער האט אנגעהויבען נאָך מעהר לעזען.

נעמעראָווס גליק איז געווען בערעזאוועס אומגליק. זיין לאגע איז געווארען נאָך שווערער: ער האט שוין אינ־גאנצען אויפגעהערט לעזען און ניט געהאט קיין מעגליכ־קייטען נאכצוקומען זיינע טערמינען . . .

זיצט בערעזאוועס איינער אליין נעבען זיין סטאר, קוקט מיט טרויעריגע אויגען אריבער דער גאס און זעהט ווי אין נעמיראָווס סטאָר איז אן ענגשאפט, א פאקעניש, עס רודערט, עס קאָכט, זיפצט ער אב און — גיט א טראכט:

— און אפשר? . . . אפשר איז טאקע נעמי־ראָוו גערעכט? . . . כדי צו זיין א פיינער מאן און צאָהלען „בילס" אין צייט, מוז מען טאקע פריער באנק־ראָטירען? . . .

בערעזאוועס האט א ציטער געטאן ביי דעם גע־דאנק . . . ער האט דערפיהלט ווי דאס פנים פלאמט איהם פון בושה וואס איהם האט גאָר געקענט אזא זאך קומען אויפן זינען. וואס זשע? אן אנזעצער וועט ער ווערען? אן אַנזעצער? . . . א גאנץ לעבען מאַ־טערט ער זיך צו בלייבען אן ערליכער מאן, ער האט זיך קיינמאל קיין איבעריגס ניט פערגינען. און אז דאס ווייב שטעהט אמאל צו צו איהם: זעליג — וואס וועט ווערען דער תכלית פון דיר? זעה ווי דו זעהסט אויס! אפשר וועסטו פארט נעהמען און ארויספאהרען אין א

קאָנטרי? געהסט דאָך אוים פון די כוחות?

און זי קוקט אויף איהם מיט בעדויערונג און מיט צער.

האט ער שטענדיג געהאט זיין ענטפער:

— וואס זשע זאָל איך טאָן? ווערען אַן אַנזוע־צער? אַז דאס געשעפט טראגט פארט נישט; איך וועל דאָך נישט פאהרען האבען „פּלעזשור" אויף א פרעמדען חשבון — זאָל זיין וואס ס'איז בעשערט, איך וויל ניט זיין קיין „אַנזעצער".

דאס וואָרט „אַנזעצען" איז ביי איהם די גרעסטע שרעק געוועזן. און ווען ער האט געהערט אז איינער האט באנקראָטירט, פלעגט ער ווערען אויף יענעם אש להבה און רעדען מיט כעס: — א רויבער איז ער: ער וויל פשוט ראבעווען כדי רייך צו ווערען. ווארום — אז מען וויל ניט אנזעצען, זעצט מען ניט אן . . . . און ער פלעגט זיך היטען פאר אן אנזעצער און איהם אויסגעמיטען ווי מען מיידט אוים א גנב.

— וואס זשע? וועל איך אליין נעהמען און ווע־רען אן אנזעצער? איך?

און ער איז געווארען אין כעס אויף זיך אליין: ווי קומט מיר גאָר אזא שענדליכער געדאנק אויפן זי־נען? אלע יאהרען אבגעלעבט אין ארימקייט און אין דחקות, געהיט יענעם'ס געלד ווי דאס אויג אין קאָפּ, ניט דערעסען, ניט דערשלאָפען און שטענדיג אין זינען געהאט צו בלייבען אן ארענטליכער מענש און קענען קוקען יעדען גלייך אין פנים אריין, וועל איך איצט ווע־רען אן אנזעצער?

און דאס געשעפט געהט ערגער פון טאג צו טאג.

עס ווערט שלעכט.

בערעזאווער האט אנגעהויבען טראכטען מיט שרעק, אז נישט ווילענדיג קען ער גאר פלוצלינג ווערען אן „אָנ־זעצער“: עס איז געגוג אז איינעם א קרעדיטאר זיינעם זאל זיך פערגלוסטען וועט ער איהם שוין מאכען צום באנקראָטירען. און אויב עס קען אזא זאך פאסירען, וואלט שטארק נויטיג געווען ער זאל וויסען ווי ער האלט אין דער וועלט מיט זיינע פינאנסען.

בערעזאווער האט די סטאר קיינמאל ניט איבער־גערעכענט. — צו וואס רעכענען? קיין שותף אין געשעפט האט ער ניט, ער אליין גנב'עט ניט, פאר'ן ווייב קען ער אויך שווערען, די קינדער? גאָט און לייט זיינען דאָך איהם מיט זיינע קינדער מקנא! צו וואס זשע רעכענען און פארנעמען צייט? ממה־נפשך איז דאָ, וועט דאָך קיינער ניט צו נעהמען. איז נישטא וועט דאָך קיינער נישט דערלעגען. — און וואס וועט שוין זיין אז ער וועט איבער רעכענען? און ווי אזוי נעהמט מען עפעס אין מיטען דערינען און מען רעכענט איבער? עס איז גרינג צו זאגען איבערעכענען: ס'איז פאלג מיך א גאנג, זיך אוועקשטעלען איבערמעסטען די גאנצע סחורה מיט אלע רעשטען און רעשטליך. מען דארף דאָך צוליעב דעם אויפגעבען די ביזנעס לפחות אויף צוויי וואָכען צייט! האט ער טאקע נישט גערעכענט און ניט געוואוסט קיין חשבון. איצט אבער האט בערעזאווער דערפיהלט אז ס'איז שטארק נויטיג ער זאל וויסען וואו ער האלט. האט ער בעשלאסען צו נעהמען סטאק: איבער צו רעכענען דאס געשעפט און זעהען וואו ער האלט אין דער ספירה.

און ער האט זיך גענומען צו דער ארבייט.

קאפיטעל פיער

בערעזאווער האט געוואוסט אז קיין גרויסע גליקען האט ער קיינמאל ניט געמאכט, ער איז אבער זיכער געווען אז די פאָר טויזענד דאלאר וואס ער האט אין געשעפט ארייגעלעגט זיינען געבליבען. פון אויפעסען פרעמד געלד קען דאָך קיין רייד ניט זיין: ווי אזוי האט ער געקענט אויפעסען פרעמדס אז ער האט שטענדיג געלעבט בארעכענט, מיט קליינע הוצאות און האט זיך דאס לעבען ניט פערגינען אין קיין טעאטער ניט געגאנגען אין קיין זומער פלעצער ניט געפאהרען. אפילו זיין אלטע געוואינהייט פון רויכערען האט ער אויך אויפגעגעבען כדי די הוצאה צו פערקלענערען. ווען ער האט אבער נאָך פיעל מאטערניש איבערגערעכענט דאס געשעפט לויט׳ן ווערט פון איצטיגע פרייזען און אויסגערעכענט די „בילס" מיט די „נאוטס" וואס ער דארף בעצאהלען, האט ער אויסגעפונען אז ניט נאר עס פעהלט איהם זיין אייגענער קא־

פּיטאַל וואס ער האט אריינגעלעגט, נאָר עס פעהלט איהם פופציג פּראָצענט פון פרעמדען קאפּיטאַל אויך . . .

א פּאָאָר וואכען נאָכ'ן איבער־רעכענען דאס געשעפט איז בערעזאוועך ארומגעגאנגען ווי משוגע: צו קיינעם א וואָרט ניט גערעדט, כסדר געטראכט אז ער קען דאס אומגליק ניט אריבערטראגען און אז עס בלייבט איהם נאָר זיך צו נעהמען דאס לעבען . . .

און יעדער טאג האט איהם נייע פּלאָגענישען גע־בראכט: די „האָלסיילער" איז נמאס געווארען שיקען „סטייטמענטס" און האבען איהם אנגעהויבען רופען צום טעלעפאָן . . . . זיך בייזערען און סטראשען, און ער איז געשטאנען צוטומעלט און נישט געוואוסט וואס צו ענטפערען . . . אז ער האט דערהערט דער טעלעפאָן קלינגט איז ער א דערציטערטער געווארען . . . דער טעלעפאָן איז געווארען ביי איהם א שרעק, אן אימה, ביי יעדען קלינג פלעגט זיך איהם דאס הארץ אבשטעלען . . . אָפט מאָל האט ער דאס ווייב צו געשיקט זאגען אז ער איז נישטא . . . ווען דאס קלינגעניש איז געווארען, אָפטער — האט ער שוין מעהר נישט געקענט אויסהאַל־טען די שרעק און די צעמישונג וואס דאס האט איהם געבראכט, האט ער זיך מישב געווען און האט דעם טע־לעפאָן איינגאנצען אבגעטשעפעט . . . .

האבען די „האָלסיילער" אנגעהויבען אליין צו קו־מען . . .

בערעזאוועך האט געפיהלט ווי יענער קראנקער וואס ווייסט אז זיין טויט איז אונפערמיידליך, ס'איז נאָר א פראגע ווען די היץ וועט צופאלען . . .

בערעזאוועך האט זיך ביסלעכווייס גענומען צוגע־

וואינען צו דער ווירקליכקייט : מילא וואס זאל ער טאן ?
מסתם איז דאָך בעשערט צו ווערען אַן אַנזועצער. קעגען
דער השגחה קען מען דאָך נישט געהען. גאָט איז זיין
עדות אז ער וויל עס נישט, אז ער ווערט גראה און אלט
פון דעם געדאנק אליין בלויז. נאָר וואס זאל ער טאן ?
מסתם איז איהם אזוי בעשערט . . .

קאפיטעל פינף

ס'איז געווען שבת'צונאכטס.

דער זייגער האט שוין לאנג געשלאגען צוועלף. די קרעמער האבען שוין זייערע „סטענדס“ אריינגעטראגען, דעם שמוץ פון די טרעטוארען אבגעקערט אין סטריט אריין. צונויפגעשארט די שטיקליך פאפיער אין קופעס און זיי אונטערגעצינדען. קינדער טראגען אונטער קעסט־ליך פון אייער מיט אנדערע מטלטלים פון „לקט“ און „שכחה“ און ברענגען זיי א פייער־אפער צו די פלאמען, וואס לאזען אלע מאל ארוים רויטע פייער צונגען וועלכע בעלויכטען די געגענד מ'זאל ריכטיג קענען זעהען דעם שמוץ וואס איז מוכן ומזומן צו בלייבען אין מיטען גאס לכבוד זונטאג . . . די גאסען ווערען פול מיט רויך, און די מענשען וואס דרעהען זיך נאך ארום שטיקען זיך און עס ווערט א הוסטעריי מיט א אויגען רייבעריי, די פרויען צולויפען זיך מיט די אנגעשפיקעוועטע קוישען,

וואס זיי האבען איינגעהאנדעלט לכבוד זונטאג; אין די זייטיגע געסליך שטהען נאָך א פּאָר „פּושקארס" בעפּאַ־לען פון ווייבער, וואס זיינען נאָר וואס ארויס פון די „מאָר־ווים" מיט דער כונה צו זיין די שפּעטסטע כדי צו קענען קויפען די רעשטליך פרוכט וואס זיינען נאָך פער־בליבען . . . שלום דער בארבער האלט שוין אין ענ־דיגען דעם לעצטען „שייוו", שלום איז שטענדיג א קרי־כער, א „סלאָוער", פּאקט ער אריין א קרבן אין זיינע הענד אריין, לאזט ער איהם אזוי גיך ניט ארויס; ווען ער שטעלט זיך אפּ קראצען אויף איין אָרט מיט דער בריטווע, בערוהיגט ער זיך ניט ביז ער דערזעהט ניט קיין בלוט . . . שלום איז מיעד און אויסגעהארעוועט, געהט ביי איהם די ארבייט נאָך שווערער, פּוילער, דער קרבן טראגט איהם אונטער א שטעכווערטעל, אז ער האט מורא ביז ער וועט ענדיגען „שייוועו" די צווייטע זייט, וועט די ערשטע צוריק אנוואקסען . . . שלום הייבט זיך אן בע־וועגען שנעלער, ער דרעהט אוים די גאז אין דער „וויג־דאָו", לאזט אראָפּ דעם פּאָרהאנג עס זאלען מעהר קיין קאָסטאָמער ניט אריינקומען.

בערעזאוווער ליגט אויפן געלעגער און טראכט . . . מארגען איז ביי איהם א יום הדין. אויף מארגען האט ער אבגעלעגט געהן צום אדוואָקאט איהם דערצעהלען דעם גאנצען אמת אין וואס פאר א לאגע ער געפינט זיך, אז חוץ זיין אייגען געלד האט ער אויך פופציג פּראָצענט פון פרעמדען קאפּיטאל פערלוירען. און ער ווייסט וואס דער אדוואָקאט וועט איהם זאגען, ער וועט איהם הייסען באנקראָטירען . . .

בערעזאוווער האט אנגעהויבען טראכטען וועמען פון

זיינע קרעדיטארען ער וועט מעהר ווײ טהון . . .

בראמסאנען איז ער שולדיג דרײ הונדערט דאָלאר....
איהם וועט עס ניט שאטען, ער איז גענוג רײך, זײן סחורה קויפט ער פון דער ערשטער האנד און מאכט גרויסע „פראָפיטען״ : ער מאכט ביי איהם דרייסיג פראָצענט. אמאָל איז בראמסאָנען געקומען טויזענד דאָלאר, די לעצ־טע צייט האט ער זיך פון איהם „ארויסגעצויגען״ . . .

שיינקמאנען קומט צוויי הונדערט דאָלאר. אויף איהם וואָלט געווען א מצוה, ער האט איהם גענוג גע־ראבעוועט, שטענדיג איהם גערעכענט הויכע פרייזען, שטענדיג האט ער איהם נאָר געהיצט, ביי יעדען מאל וואס ער האט איהם א שטיקעל סחורה פערקויפט, האט ער איהם דערצעהלט אז זיין שכן מר. נעמיראָוו האט דאס אויך געקויפט . . . די לעצטע צייט האט ער איהם דאס ביסעל סחורה וואס ער האט געקויפט ניט געוואלט שיקען און ער האלט איהם און איין זעצען מיט „סטייט־מענטס״ . . .

זאלקענען איז אמאל געקומען ביז טויזענד דאָלאר, איצט קומט איהם נאָר הונדערט, און ער רייסט פון איהם פאסעם . . .

בערקאָוויטשען קומט צוויי הונדערט דאָלאר. בער־קאָוויטשען האט ער שוין געגעבען צו לעזען אפשר הונ־דערט טויזענד דאלאר, איצט קען ער איהם די „בילס״ אין צייט ניט צאהלען רופט ער איהם דריי מאל אין טאג צום טעלעפאָן, זידעלט איהם און רופט איהם אן מיט שענדליכע נעמען . . . בערקאָוויטשען קען מען אבער ניט אָנזעצען, איהם מוז מען אפילו נאָכ'ן אנזעצען אויך בעצאהלען, אזא מבוזה'ניק איז דאס . . .

דאנאַלעווסקען קומט פינף הונדערט דאָלאַר. אויף איהם איז א רחמנות, ער „מאכט“ א טרויעריג לעבען, ער קויפט זיין סחורה פון דער צווייטער האנד און פערקויפט ביליגער פון די וואס קויפען פון דער ערשטער. ער איז א קליין מענשעל און איז שטענדיג געדריקט אין געלד. ער איז דער איינציגער וואס פערקויפט איהם ביליג, רעכענט איהם ניט מעהר פון א צווייטען, און שניידט איהם ניט אפּ דעם קרעדיט . . .

ריווקינען קומט אכט הונדערט דאָלאר; ריווקין האט איהם היינט מיט טרעהרען אין די אויגען געבעטען ער זאל איהם געבען כאָטש הונדערט דאָלאר ווייל ער איז „שוירט“ אין די בענק“ זיינע טשעקס וועלען געהן צוריק . . . ריווקין לייעט אליין געלד ביי וואָכערניקעס און זיי צאפּען פון איהם דעם דם התמצות. מיט אכט הונדערט דאָלאר וועט ער איהם ראונירען. ער וועט זיך נעהמען דאס לעבען . . .

אין „קאַרפּאָריישאָן“ איז ער שולדיג פיער הונדערט דאָלאר. די פיער הונדערט דאָלאר קומען צו פופציג מעמבערס, „לאנדסלייט“. ער וועט קיינעם פון זיי אין די אויגען ניט קענען קוקען, זיי האבען אויף איהם שטענדיג כבוד געלעגט, דאס געלד א קעגען־געטראגען, זיי האבען געהאנדעלט מיט זיין נשמה . . .

ביי מיסים מארקאָוויטש האט ער ערשט געליגען הונדערט דאָלאר. זי איז אן אלמנה, און האט דריי יתומים . . .

בערעזאווערען האט אנגעהויבען שווינלען אין קאָפּ, ער האט דערפיהלט דעם גרויסען פערברעכען וואס ער געהט דאָ אָבטהאָן. ער, בערעזאווער, וואס האט דאס

גאנצע לעבען זיינס געשטרעבט צו זיין אן ערליכער מאן, האט זיך קיינמאל זאט ניט אנגעגעסען, זיך שטענדיג אויסגעהיט פון תענוגי־עולם־הזה ניט אנצוריהרען יע־נעם׳ס סענט, זאל ער איצט בעגען אזא אומרעכט, זיך מיט אמאל אבזאגען פון זיין ערליכקייט און ווערען א פער־ברעכער, ראבעווען ארימע מענשען, אלמנות מיט יתומים, צו ארימע מענשען וואס וועלען דורך איהם מוזען באנק־ראָטירען ....

בערעזאווער האט זיך פארגשטעלט ווי זיין געשעפט וועט ווערען בעפאלען, מען וועט איהם בעוויינען, בע־קלאגען, בעשימפען, בעשפייען און רופען איהם מיט די שענדליכסטע נעמען . . .

זיינע אויגען האבען זיך אנגעפילט מיט טריירען . . . ווי אזוי וועט ער דאס איבערטראגען? א צו שווערע שטראָף וויל ער נעהמען אויף זיך . . . די חרטה וועט איהם פיינונגען . . . וואו וועט ער זיך בעהאלטען פאר בושה . . . ער וועט ניט קענען די אויגען אויפהיי־בען . . .

ער האט איינגעגראבען דעם קאָפּ אין קישען און זיך צו־וויינט . . .

מיט אמאל האט ער זיך אויפגעזעצט אויפ׳ן געלע־גער, און האט זיך אנגעכאפט אין א שרעקליכען געדאנק — מאכען א סוף צום לעבען . . . ער וועט מיט איין מאל פּטור ווערען פון אלע צרות. ער וועט ניט דארפען ארי־בערטראגען די שאנד, און זיין פאמיליע וועט זיך אויך פערשפארען פלאגען. ער טראגט אביסעל „אינשורענס“ בעלאנגט צו צוויי לאדזשעס. ער וועט אויך אבראטע־ווען זיין נאמען, מען וועט זיך איבערצייגען אין וואס

פאר א לאגע ער איז געווען . . . עס וועט קיין סך ניט נעהמען, אפּאָר מינוט און ער וועט מעהר ניט פיהלען דאס מאטערניש פון לעבען . . .

ער איז שטיל אראָב פון בעט, א קוק געטאן אויפ'ן ווייב מיט די קינדער ווי זיי שלאָפען רוהיג. איז צו צום פענסטער און האט עס פארזיכטיג אויפגעמאכט . . .

אין דרויסען האט געהערשט א טויטע שטילקייט. די לעצטע שפורען פון טומעל זיינען שוין לאנג פערשוואונ־דען. די הייזער האבען אויסגעזעהען ווי מצבות אויף א בית־עולם.

ער האט אראָבגעקוקט אונטען, אויסגעמאָסטען מיט'ן קוק די מורא'דיגע ווייטקייט פון פערטען „פלאָר" ביז צו די שטיינער . . . ער האט דערפיהלט דעם שווי־דערליכסטען פורכטבארען טויט וואס ליגט פון אונטען..... און ווארט אויף זיין גוף . . .

דאס בלוט האט איהם אנגעהויבען קאָכען, יעדער נערוו האט אין איהם געציטערט . . .

ער האט דערהערט א טויבע קלינגעניש אין דער ווייטקייט פון דער נאכט . . . . זים . . . זים . . . זים . . . זים . . . זים . . .

ער האט זיך איינגעהערט צום קלינגען . . .

דאס קלינגעניש קומט וואס אמאל נעהענטער, שטארקער . . . זים . . . זים ! . . . זים ! ! . . . זים ! ! ! . . . .

עס זיינען פערבייגעלאפען די „פייער־לייט". דאס גאנצע בני־בית איז אראָפּ פון די געלעגערס, און זיינען צו צום פענצטער.

מיט א מאל האט איהם א בליץ געטאן א שיין

פון האָפנונג . . . ס'איז איהם דורכגעפלויגען א גע־דאנק אין מח . . . עס ברענט . . . עמיצער וועט איצט רייך ווערען . . .

און עפּעס איז איהם געווארען לייכטער אויפ'ן האר־צען: הייסט עס, עס איז דאָ נאָך אן אויסוועג . . .

ער האט זיך אוועקגעלעגט אויפן געלעגער. נאָר איינגעשלאפען האט ער ניט געקענט. עפּיס איצט האט ער זיך בעטראכט און פערשטאנען וואס ער האט געוואלט טאן . . . ער האט מיט אמאל דערפיהלט ווען ער וואלט זיך אראָבגעווארפען, וואלט ער בעגאנ־גען א פערברעכען קעגען גאָט און לייט, קעגען זיין ווייב און קינדער, און זאגאר קעגען זיינע קרעדיטארען . . . ער וואלט געווען א מאבד עצמו לדעת פאר וועלכען ס'איז אין חלק לעולם הבא . . . און זיין פאמיליע וואלט ער איבערגעלאזט אויף הפקר . . . ער האט דערפיהלט אז ער איז דער שיפס־קאפּיטאן וואס ער פיהרט די לע־בענס שיף פון זיין פאמיליע, און אז די שיף שטעהט אין סכנה אונטער־צוגעהן, טאר ער זי ניט לאזען זינקען אום אליין זיך צו ראטעווען דעם נפש מיט באגעהען זעלבס־מאָרד . . . ניט צו פיהלען דעם שמערץ פון לעבען . . .

ער האט אנגעהויבען טראכטען אז א פייער מא־כען איז א קלענערער פערברעכען ניט נאָר פון בעגעהן זעלבסטמארד, נאָר אפילו פון באנקראָטירען . . . אמת ער וועט פערניכטען אייגענטהום וואס מענשליכע כוחות האבען פּראָדוצירט, אבער ס'איז דאָך בעסער צו פער־ניכטען מענשליכע אייגענטהום ווי צו פערניכטען א מענש־ליך לעבען . . . א לעבען וואס איז צונויפגעבונדען מיט אנדערע לעבענס . . . און וואס פאר א בעטרעף האט

ביי עטליכע קאמפאניס צו בעצאהלען א „אינשורענס" פון דריי טויזענד דאָלאר? . . . זיי צאהלען דאָך ניט זייערס; זיי קריגען דאָך אריין אוצרות מיט גאלד . . . און וואס טוהען דען אלע? די „קאָרפּאָריישאָנס" מיט די טראָסטס? פערבונדען זיי זיך דען ניט מיט'ן צוועק ארויסצופרעסען די נשמה . . . פערניכטען דען ניט רעגיערונגען איינע די צווייטע? . . . צינד מען דען ניט קיין דערפער מיט שטעדט? . . . פערברענט מען דען ניט קיין האב־און־גוט'ס? . . . הרג'עט מען דען ניט אוים קיין טויזענדער און מיליאנען מענשען צוליעב אייגענע „עקזיסטענץ"? . . .

בערעזאוועך האט זיך אנגעהויבען בערוהיגען. — מילא ס'איז טאקע א פערברעכען, אבער דערמיט וועט ער דאָך ראַטעווען זיין אייגען לעבען און די געלדער פון אלמנות און יתומים און זיין אייגענע פאמיליע וועט ניט בלייבען אויף הפקר.

ער האט צוגעמאכט די אויגען און אנגעהויבען דרימלען . . .

קאפיטעל זעקס

ווען בערעזאווער איז אויפגעשטאנען אין דער פריה, איז ער געווען בעהערשט פון איין געדאנק „פייער”. ער האט זיך אין דעם אָנגעכאפּט ווי אין דער איינציגער רעטונג וואס ער האט פאר זיך געזעהען. איהם איז עפּעס קלאר געווארען אז דאס איז דאס איינציגע מיטעל וואס וועט איהם ארויספיהרען פון אומגליק און שאנד. איהם איז נאך נישט קלאר געווען ווי אזוי דורכצופיהרען דעם פּלאן. ווי אזוי מאכט מען דאס? א? אבער מאכען וועט ער מוזען: פּונקט ווי עס מאכען עס אלע אנדערע. אז אלע פייערען זיינען „געמאכטע” דאס איז ביי איהם מעהר ווי זיכער. ער ווייסט אויך אז עס זיינען פערזאנען ספּעציעלע פייער מאכער וועלכע מען דינגט צו דעם. ער האט אבער ניט געוואוסט וואו בעקומט מען אזא איינעם. אבער מאכען וועט ער מוזען.

און טראכטענדיג פון דעם, איז ביי איהם פארטיג

געוואָרען דער גאַנצער פּלאַן וואָס צו טהון מיט'ן געלד שולדיג איז ער אַזוי פיעל וויפיעל ער האָט אינשורענס, וועט ער יעדען בעצאָהלען ביז אַ סענט. די בעלי חובות וועלען זעהן אַז ער איז אַן ערענטליכער מאַן, וועט מען איהם ווידער באָרגען אַביסעל סחורה, וועט ער לעבען מיט נאָך מעהר חשבון. פון פערדינסט וועט ער פער־לעבען צוויי חלקים און איין חלק וועט ער שפּאָרען, כדי ער זאָל זיין גאַראַנטירט אַז מעהר וועט מיט איהם אַזאַ אומגליק ניט פּאַסירען.

און וואָס מעהר בערעזאָווער האָט זיך אַריינגעטראַכט אין נייעם פּלאַן צו מאַכען אַ פייער, האָט ער אָנגעהויבּען קוקען דאַרויף גלייכגילטיגער. ער האָט אָנגעהויבען דיינקען אַז ס'איז ניט ערליך צו דינגען אַ צווייטען טהון די אַרבייט. ווייל מען ברייננגט דאָך נאָך איינעם צו אַן עבירה. אויב אויף איהם איז אַן אומגליק און ער מוז זיך ראַטעווען, דאַרף אַ צווייטער ניט ווערען דורך איהם קיין פערברעכער . . . און ס'איז טאַקע גלייכער אויך אַז קיין אַנדערער זאָל פון דעם ניט וויסען . . .

בערעזאָווער האָט פעסט בעשלאָסען אַליין דאָס דורכצופיהרען. האָט זיך דערמאַנט אַז ער האָט אַמאָל געלייענט אין אַ צייטונג ווי אַזוי איינער האָט אונטער־געצונדען. האָט ער אויך אַזוי געטאָן. האָט גענומען עטליכע שמאַטעס, אַריינגעלעגט אין זיי שטיקלעך ליכט, האָט זיי בעגאָסען מיט גאַז, זיי צולעגט אין פערשיע־דענע טהיילען פון דער סטאָר, און געוואַרט אויף אַ פּאַ־סיגען מאָמענט. . . .

קאפיטעל זיבען

ס'איז געווען שפּעט אין דער נאכט. ביי רפאל שוחט אין סטאָר האט זיך א האָן צושריען און אנגע־זאגט די בשורה וועגען דער דריטער אשמורה.

בערעזאוועער האט זיך שטיל אראָבגעגנב'עט פון געלע־גער, גענומען מיט זיך דאס פּעקעל שוועבעלעך, און אויף די שפּיץ פינגער זיך געלאזט מיט די טרעפּ אראָבגעהן. האט זיך אלע מאל אבגעשטעלט און זיך צוגעהערט . . . דאס הארץ האט געקלאפּט שווער ווי מען וואלט דארט געשלאגען מיט א האמער. ארום איז געווען א פער־גליווערטע שטילקייט, ס'האט זיך נישט געהערט קיין שום שארך.

ער איז אריין אין סטאָר וועלכע איז געווען בעלויכ־טען פון א קליין קאניצעל וואס צינדט אן דעם גרויסען געז לאָמפּ. דאס קליינע פייערל האט געווארפען א טונ־קעלען טרויער, און גע'שטן'ט מיט מרה שחורה . . .

ער איז געבליבען שטעהען ביי דער טהיר און זיך איינגעקוקט צום פענסטער — עפּעס ווי ער וואָלט זיך געוואָלט איבערצייגען צו שטעהט ניט אימיצער דאָרט.

מיט אמאל האט ביי איהם אויפגעבליצט א שווידער־ליכער געדאנק וואס האט איהם דורכגעציטערט דורכ׳ן גאנצען לייב: עס קען דאָך ניט געראטען . . . דאס פייער קען דאָך זיך פערשפּרייטען אין א גיהנום אז מען זאל די נפשות נישט קענען ראטעווען?

די הענט האבען ביי איהם אנגעהויבען ציטערן. ס׳האט איהם אנגעהויבען דרייען אין מח, ער האט זיך פּארגע־שטעלט א שרעקליך בילד: ער האט זיך דערמאנט אין א שרפה וועגען וועלכער ער האט געלעזען אין א צייט־טונג. א פייער האט זיך בליץ שנעל פערשפּרייט און איינגעהילט דאס גאנצע הויז אין פלאמען, מענשען זיי־נען געשפּרינגען דורך די פענסטער איינגעהילט אין פייער, און די קולות האבען געשפּאלטען די הימלען . . . שפּע־טער האט מען ארויסגעטראגען פון דאָרט עטליכע גרויסע שטיקער קויל, מ׳האט געזאגט דאס זיינען מענשען . . .

ער איז געווארען שטארק צוטומעלט אין די אויערען האט משונה׳דיג געקלונגען, דאס הארץ האט זיך ביי איהם אבגעשטעלט . . . ער האט דערפיהלט אז אָט אָט פאלט ער און פערלירט דאס בעוואוסטזיין . . . . ער האט אנגעשטרענגט זיינע לעצטע כוחות, זיך צו געשלעפּט צום וואסער־קראנט און גענומען שפּריצען אויף זיך וואַ־סער . . .

קאפיטעל אכט

בערעזאווער איז ארומגעגאנגען א צעטומעלטער, א בלייכער און פול מיט יאוש. ער האט געפיהלט ווי א חולה מסוכן וואס מוז האבען אן אפעראציע, אבער מ׳האט איהם מורא די אפעראציע צו מאכען ער זאל נית בלייבען אונטערן מעסער . . . ער וואלט אוועקגעגעבען עט־ליכע יאהר פון זיין לעבען אבי צו פערמיידען טון א שלעכטע זאך און בלייבען אן ארענטליכער מאן, אבער ער האט נית געזעהען פאר זיך קיין ליכטיגע שיין. האט ער זיך איינגאנצען אבגעלאזט אויף דער השגחה נית ווי־סענדיג אליין וואס דער מארגען וועט ברענגען. ער איז ארומגעגאנגען צוטראגען מיט קיינעם קיין ווארט נית גערעדט; די ביזנעס זיינען איהם נמאס געווען, ער האט זיי איינגאנצען פערנאכלעסיגט; האט געווייכט די הויז, זיך אויסבעהאלטען פאר די קרעדיטארען. און ווען ער האט שוין יא גערעדט מיט א קאסטאמער, איז ער גע־

ווען אויפגערעגט, גענטפערט א וואָרט איבער צעהן. די קאָסטאָמער האבען איהם צוגעווארפען שטעכווערטליך, געשיט זאלץ אויף די וואונדען, אז ער איז גדול'דיג, צו רייך געווארען. דאס האט איהם נאָך מעהר אויפגערעגט, האט ער איבערגעלאזט די קאָסטאָמער און ארויס פון סטאָר מורא האבענדיג דאס הארץ זאל ביי איהם ניט פּלאצען . . .

און די געצעהלטע קאָסטאָמער וואס ער האט נאָך געהאט האבען איהם אויך אנגעהויבען אויסמיידען . . .

די נעכט האבען לאנגווייליג געפינצטערט, די טעג האבען זיך יאוש'דיג געצויגען, די קרעדיטארען האבען דערשמעקט אז בערעזאווערס ביזנעס זיינען צו ענדע, האבען זיי איהם אנגעהויבען שרעקען מיט אדוואָקאַ־טען . . . בערעזאווער האט געלייענט די „לאָיער־לעַ־טערס" און עס פלעגט איהם פינצטערען אין די אויגען, די לעצטע האָפנונג אויף דער השגחה העליונה אז א נס וועט געשעהן זיינען פערשוואונדען געווארען . . .

בערעזאווער האט אנגעהויבען טראכטען וועגען אנט־לויפען . . . אנטלויפען וואוהין די אויגען וועלען טראַ־גען, אנטלויפען פון זיין ביטער מזל, איבעררייסען אזא אומגליקליך לעבען, פון גריזשעניש און עסעניש, פון שאנד און שפּאט, פון ערנידערונג און בזיון . . . אנטלוי־פען . . . אנטלויפען . . .

האט ער גאנצע טעג פון דעם געטראכט און איבער די נעכט שרעקליכע חלומות געהאט: הינט האבען איהם געביסען . . . ער איז געלאָפען . . . נאָך איהם האט זיך געטראגען א ליארעם און א ווילד שרייערײ . . . לוי־

פענדיג איז ער אריין אין א טייך . . . געזונקען אין בלאָטע . . . טיעפער . . . טיעפער . . . די בלאָטע דערגרייכט שוין ביז צום מויל . . . די געשרייען כוואליען איבער זיין קאָפּ . . . און ער קען דעם אטעם ניט כאפּען . . .

איינמאל, ווען בערעזאוּוער איז געשלאפען און האט געחלום'ט שרעקליכע חלומות, האט ער דערפיהלט ווי א רויך מיט א טשאַד האבען איהם אנגעהויבען שטיקען . . . ער איז געווארען צושראקען און צורודערט און האט עפּעס ניט געוואוסט וואס דאָ טהוט זיך: ס'איז א פייער דער רויך זעצט און שטיקט. א? ווער זשע האט געמאכט דאס פייער? צו האט ער עס אליין געמאכט? אבער ווען? ער איז געוועזן אזוי איבערראשט אז ער האט א טראכט געטהון — צו געה איך אראָב פון זינען? א?

מיט אמאל איז איהם קלאר געווארען אז ער האט דאס פייער ניט געמאכט . . . און ס'איז איהם געקו־מען אויפען געדאנק אז דער רויך קומט ארויס געוויס פון שכן'ס הויז, אדער פון פערבליבענע סטריט פייערס.

ער איז אראָב פון געלעגער, האט אויפגעמאכט דאס פענסטער, ארויסגעקוקט אין דרויסען און געזעהען ווי אלעס איז רוהיג און ער האט פערשטאנען אז דאס פייער קומט פון הונטען. ער האט שנעל אויפגעוועקט דאס בני־בית און איז אראָבגעלאפען די טרעפּ.

אריינקומענדיג אין „דיינינג־רום“ וואס פיהרט צום סטאר, האט ער דערזעהען ווי דאס פייער קומט פון עס־צימער, ווי עס זיינען געבליבען ברענען די שבת ליכט. . . . דאס פייער האט געיאגט אהיץ אין פּנים, שווערע קנוי־לען רויך האבען שווארץ געכוואליעט. ער האט שנעל

אויפגעפראלט די לאדען מיט די פענסטער עס זאל ארויס דאס שטיקעניש און אליין איז ער ארויסגעשפרינגען דורכן פענסטער ניט קענענדיג כאפען דעם אטהעם . . .

אין סטריט איז געווארען א טומעל. די געשרייען און גוואלדען וואס האבען זיך געטראגען פון בערעזא־ווערס בני־בית האבען אויפגערודערט דעם גאנצען געגענד און זיי ארויסגעטריבען האלב נאקעטע פון די הייזער. אנדערע האבען זיך געפוילט ארויסגעהען האבען נאר גע־עפענט די פענסטער און מיט שרעק געפרעגט איינער דעם צווייטען ווי עס ברענט. ארום בערעזאווערס הויז איז געווארען ליכטיג פון די רויטע פייער צונגען וואס האבען זיך צוזאמען מיט געדיכטע וואלקענס רויך ארויס־געשלאגען דורך די פענסטער. ס'איז געווארען א לויפעניש, מיט א טומלעניש. פון דער ווייטענס האבען זיך געהערט א רעש פון גלעקער . . .

די פייער לייט, מיט'ן פייער מארשאל בראש זיי־נען אנגעלאפען מיט א טומעל. מען האט באלד פארצע־פעוועט דעם גאנצען געגענד אז קיינער חוץ זיי זאל צו דער שרפה ניט קענען צו קומען. מ'האט אנגעשטעלט די „וואסער־פייפס" און מ'האט זיך גענומען מבול'ען מיט וואסער.

א פאליסמאן איז צו געקומען און האט אריינגעראמט דעם פייער מארשאל א סוד, אז ער האט בעמערקט דעם אייגענטימער פון סטאר מיסטער בערעזאווער ארויס־שפרינגען פון א אונטערשטען פענסטער . . .

ווען דאס פייער איז איינגעשטילט געווארען האט דער פייער מארשאל געארדערט א שטרענגען אונטערזוכונג פון וואנען דאס פייער האט זיך גענומען. האט מען גע־

פונען אין סטאר א שמאטע אין וועלכער ס'איז געליגען א שטיקעל ליכט און האט געשמעקט מיט גאז . . .

בערעזאוווער איז איינגעשפארט געווארען אין פריזאָן .. .

אויף וואס זאל

ער בעטען?

שלמה זלמן סטאָפּודים איז שטארק טרויעריג: ס'איז ערב ראש השנה פארנאכט, באלד צינד מען שוין ליכט, און ער ליגט צו־בעט און קען ניט געהען דאַווענען.

שוין פיער וואָכען אז ער איז געקומען צוריק פון דער מלחמה. וואו ער האט זיך שטארק אויסגעצייכענט אין א שליחות, און געקראגען א בעלוינונג פאר זיין טרייהייט א געאָרגעווסקי־קרעסט, מיט א הילצערנעם פוס . . .

און די אלע פיער וואָכען זינט ער איז געקומען האט ער נאָך דעם דרויסען ניט געזעהן, ער האט זיך געשעהמט ארויסצוגעהן, ער ווייסט אז קינדער וועלען איהם נאָכלויפען, עלטערע וועלען שאָקלען מיט די קעפּ, און טייטלען מיט די פינגער, זעהט דעם אומגליקליכען שלמה זלמן סטאָפּודים, דעם הויך־געשטרעקטען יונג, דער שעהנער בעל־הבית דער פיהרער פון שטאדט, ווי ער שלעפּט זיך אויף צוויי שטעקענס.

די אלע פיער וואָכען אבער האבען איהם ניט אזוי געערגערט, ווי איצט, א קליינינקייט „ראש השנה״, אין זיין לעבען נאָך ניט פערפעהלט „ראש השנה״ געהן דאווד־נען. און נאָך איצט ווען ער דארף אזא שווער הארץ אויסגיסען . . . איז גראדע איצט האט איהם בע־דארפט אָנרייסען א מכה אונטערן אָרים פונקט אויפ׳ן זעלבען פלאץ וואו ער דארף היינגען אויפ׳ן שטעקען.

ער האט ארויסגעלאזט א שטארקען זיפץ, מיט אלע קרעפטען האט ער זיך אויפגעזעצט אויפ׳ן געלעגער, גע־געבען א וויש דאס פענסטער און זיך גענומען דאוונען מנחה.

אין הויז ווערט פינסטער, אסתר זיין פופצעהן־יעהריגע בת־יחידה וועלכע איז נאָך זיין רעכנונג שוין אין זיבעטען חודש, מאכט פארטיג די ליכט צום בענטשען, און גיט אלע מאָל א קרעכץ גלייך ווי עס וואָלט איהר א שטאָך טהון. שלמה זלמן קוקט אויף איהר מיט מיט־לייד, ער פערשטעהט איהר קרעכץ, עס ווייסט אז זי וועט וויינען ביי ליכט בענטשען, ערשט זעקס וואָכען אז די מאמע איז טויט. די מכה איז נאָך פריש. אסתר גיט נאָך א שטארקערען קרעכץ, שלמה זלמן קוקט איהר אין דער מינע און עס געהט איהם דורך א שוידערלי־כער געדאנק פיעלייכט . . . . פיעלייכט בעדייטעט דאס קרעכצען אז די צייט איז געקומען די שאנדע זאל געהן אויף דער וועלט . . .

און וואס וועט ער טהון ווען יא, ער קען דאָך פון׳ם געלעגער ניט אראָפּ, עס וועט דאָך אימיצער מוזען זיין דערביי.

מיט אסתר׳ן האט ער נאָך דערפון קיין מאָל ניט

גערעדט, פון דעם אומגליק איז ער געוואהר געווארען פון די צייטונגען נאָך זייענדיג אין האָספּיטאל, אז ביי זיי אין שטעדטעל איז געווען א פּאָגראָם, פיעלע אידישע טעכטער זיינען געשענדעט געווארען, צואווישען זיי אויך זיין אסתר, און וואס זאל ער געווען ריידען מיט איהר? וואס ווייסט אזא נאאיוו קינד? זי פערשטעהט אפילו ניט וואס מיט איהר איז פארגעקומען.

אבער וואס זאל ער איצט טהון?

און ביי איהם איז נולד געווארען א געדאנק, ער זאל איהר ערקלעהרען וואס מיט איהר דארף פארקומען און איהר הייסען געהן אריבערהֲופען די מומע לאה.

ער האט צוגערופען אסתר'ן און איהר געהייסען זיך צובייגען צו זיך גלייך ווי ער דארף איהר זאגען א סוד קיינער זאל ניט הערען. אסתר האט זיך צו־געבויגען און צוגעלייגט דעם אויער צו זיין מויל, ער האט זי ארומגענומען מיט ביידע הענד, און איהר א קוש גע־טהון.

אסתר'קע האט ער אנגעהויבען שטאמלען, קרעכצסט? . . . ביזט קראנק . . . כ'וויים? פיע־לייכט . . . טאָמער . . . מי יודע? . . . געה רוף אריין די מומע לאה.

אסתר האט ניט פערשטאנען וואס דער פאטער מיינט, און האט איהם אנגעהויבען בערוהיגען אז זי פיהלט גוט, זי איז ניט קראנק, זי קרעכצט פשוט ווייל זי האט זיך היינט אנגעהאָרעוועט מיט'ן יום טוב, אבער ס'איז איהר גאר ניט.

ער האט איהר א קוש געטהון אין שטערן און איהר געהייסען געהן בענשען ליכט, ער האט איהר אויפגע־

מישט די „תפלה“, אסתר האט מיטביידע הענד פאר־שטעלט די שיין פון די ליכט און געמאכט די ברכה.

ער האט פערדרעהט דעם קאָפּ צום פענסטער ניט צו זעהן אסתר'קעס טרערען, אין דרויסען זיינען געלאָפען אידען יום טוב'דיג אין שוהל אריין, ער דערקענט זיי אלע: משה־ליב, משה־יוסל, אברהם־יוסל, ברוך־יוסל.

און ער האט זיך דערמאנט אז פאר א יאהרען אין דער צייט ווען ער איז געגאנגען אין שוהל אריין איז ער געוועזען גליקליך, ער האט ביי זיך געטראכט אז ער האט ניט וואס צו בעטען ביים רבונו של עולם. זיין פרוי שרה וועלכע ער האט אזוי שטארק געליעבט איז געוועזען געזונד און שטארק, שעהן ווי די וועלט, אסתר האט געבליהט ווי א רויז, איהם אליין האט גאר ניט געפעהלט, כבוד פון דער וועלט, פרנסה ניט צום פארזינדיגען, אמת מ'האט געמור־מעלט מ'וועט רופען בילעטען, אבער ווער האט דאס געקענט איינפאלען אז מען וועט רופען א אידען פון 43 יאהר? אבער גלייך נאָך „יום־כפור“ האט דער אומגליק געטראפען, מ'האט איהם גענומען אין מלחמה.

די גאנצע צייט וואס ער איז געוועזען אין שלאכט האט ער ניט געוואוסט וואס ביי איהם אין דערהיים טהוט זיך, נור איינמאל ווען ער איז שוין געלעגען אין האָס־פיטאל האט ער פלוצלונג דערזעהן פאר זיך שרה'ן, צו־שראָקען און טויט ווי די וואנד, זי איז איהם ארויפגעפא־לען אויפ'ן האלז און מוטערליך געקושט.

ער געדענקט ווי ער האט שנעל פערדעקט מיט דער קאָלדרע דעם אבגעשניטענעם פוס, און זי בערוהיגט אז

ער פיהלט בעסער.

זי האט איהם דאן מיט טרעהרען אין די אויגען דערצעהלט אז זיי האבען איהם שוין גערעכענט צעווי־שען די טויטע, נור פון די צייטונגען איז זי געוואהר גע־ווארען אז ער ליגט דאָ אין האָספיטאל פערוואונדעט. זי האט דאן גענומען דעם ערשטען פּאָיעזד און געקו־מען צופאָהרען מיט אסתר'ן, ליידער האט זי ניט געקענט קריגען קיין ערלויבניש אריינצוגעהן מעהר ווי איין מענש, און אסתר איז געבליבען שטעהען אין דרויסען ביים פענסטער. זי האט איהם געבעטען זיך אָנטאָהן א כח צו געהן צום פענסטער אסתר זאל איהם זעהן.

ער גערענקט אז ער איז געבליבען אין א שטארקע פערלעגענהייט און ניט געוואוסט וואס צו טאהן, אבער ווען זי האט איהם שטארק צוגעטרעטען, האט ער זיך צעוויינט און געבעטען זי זאל איהם ענטשולדיגען וואס ער קען איהר וואונש ניט ערפיהלען ווייל עס פעהלט איהם א פוס.

ער גערענקט אז זי האט געגעבען מיט אמאל א דעק אָפּ די קאָלדרע, און זיך צולאכט . . . דאן האט זי זיך צוגעבויגען און איהם איינגערוימט א סוד אין אויער ער זאל קיין יסורים ניט האבען, איהר ברודער חיים האט מען אבגעריסען ביידע פיס, וועט זי איהם געבען איינעם, און זי האט זיך ווידער צולאכט און אָנ־געהויבען טאנצען, און שלאָגען ווענען זי האט געזעהן, דער דאָקטאָר האט געזאגט : זי איז משוגע . . .

ער האט אוועק געדרעהט דעם קאָפּ פון פענסטער, גלייך ווי ער וואלט זיך געוואלט צושלאגען די גערדאנ־קען, זיינע אויגען האבען זיך בעגעגענט מיט אסתר'קעס

פערוויינטע אויגען. ער האט אנגעהויבען פיהלען שלעכט, איהם האט זיך געדאכט אז ער איז דער גורם אין אלע אומגליקען, ער האט לעצטען ראש השנה געזינדיגט מיט זיינע מחשבות, ער האט ניט געהאט וואס צו בעטען . . .

און איהם איז אנגעקומען א שטארקער ווילען צו קריכען אויף די הענד אין שוהל אריין, בעטען ביים רבונו של עולם ער זאל איהם מוחל זיין פאר יענע מחשבות . . . . און . . .

אבער מיט אמאל איז איהם דורכגעפלויגען א גע־דאנק: אויף וואס זאל ער בעטען? שרה זאל לעבע־דיג ווערען? אסתר זאל דאס קינד ניט האבען? זיין פוס זאל אוים וואקסען?

— אויף וואס? . . .

זי האָט געכאַפּט

אלע יאהר ווען שרה־לאה פלעגט געהן צו „כל־נדרי“, האט זי מיטגענומען מיט זיך א גאנץ פעקעל מיט בקשות צום רבונו־של־עולם: געזונט, פרנסה, הצלחה, אריכת־ימים, עושר וכבוד, און נאך אזעלכע רומל'ם וואס א לע־בעדיגער מענש קען זיך אהן זיי ניט בעגעהן. היינטיגען כל־נדרי איז זי ניט געגאנגען צו „איהם“ מיט בקשות, נור מיט א טענה, ער זאל איהר אבגעבען דאס וואס ער האט ביי איהר גענומען.

און א טענה איז דאס געווען א גערעכטע: פאר די אכט און צוואנציג יאהר וואס זי איז פערהייראט מיט דוד'ן, האט זי צוועלף קינדער געבוירען, צעהן זיינען גע־שטארבען, איז זי געבליבען ביי צוויי: ביי יואל'ן און ביי חיים'ן. יואל דינט אין מיליטער און מ'האט איהם יעצט אוועקגעשיקט זיך שלאגען מיט די יאפאנעזער, און גאט ווייסט צו ער לעבט, און חיים'ן דעם עלטערען אויס־

געגעבענעם זוהן — איהר שפיגעל — האט מען היינט פריה גערופען צום וואָינסקע־נאטשאלניק זיך פערשריי־בען אין זאפאס און מ'האט איהם שוין מעהר ניט אב־געלאזען.

ווען דוד איז אהיים געקומען אהן חיים'ן האט זיך שרה לאה געוואלט נעהמען דאס לעבען, זיך ממש דער־הרג'נען, זי ווייסט אז „זי" איז די שולדיגע אין די אומ־גליקען, דוד האט זיך שוין לאנג ביי איהר געבעטען, אז זיי זאלען איבערלאזען דאס פינסטערע רוסלאנד און אוועקפאהרען מיט די קינדער קיין אמעריקא, אבער זי האט איהם אימער דעם פּלאן צושלאגען, טענה'דיג אז אמעריקא איז א טרפה לאנד, און זי וויל זיך ניט פאר־טרפה'נען די נשמה אויף דער עלטער ; און דוד פלעגט אימער נאָך אזא איבער־ריידען אוועקגעהן פערביטערט, שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ און איהר זאגען אז מיט איהר עקשנות וועט זי אמאל ברענגען אן אומגליק אויף דער פאמיליע.

זי האט ערווארטעט אז ביי דוד'ן וועט יעצט פּלא־צען די געדולד און ער וועט זיין ביטער הארץ אויס־לאזען צו איהר, אבער דוד איז דאס מאל געווען צו איהר ווייכער ווי אימער און זי געטרייסט, אז ניט זי איז די שולדיגע, ניט זי רעגיערט די וועלט, אזוי איז גאָט'ס ווילען, און אזוי דארף זיין.

דעם גאנצען טאג האבען זיי ביידע ניט גערעדט, דוד האט זיך ניט געקענט איינהאלטען אין שטוב, ער איז אוועק אויף די פּלעצער וואו עס קומען אן די נעמען פון די מלחמה טויטע, און שרה־לאה האט איינגעגראָבען

דעם קאָפּ אין קישען . . .

פארנאכט ווען דוד איז אהיים געקומען האט ער גע־פונען שרה־לאה'ן שלאָפען אויף א נאסען קישען . . . ער האט זי אויפגעוועקט בענשען ליכט, און זי בעשוואָ־רען, אז זי זאל ניט וויינען, ווייל „טרעהרען ברענגען טרעהרען" און שרה־לאה האט מיט טרעהרען אין די אוי־גען צוגעשאקעלט מיט'ן קאָפּ אז זי וועט איהם פאל־גען.

זי האט זיך גענומען בענשען ליכט, זיך אנגע־שטריינגט מיט אלע כוחות ניט צו וויינען, אבער דא האט איהר חיים'ס בן יחיד'ל געשטעלט א פראגע: — „באָבע וואו איז פּאפּא"? און זי האט איינגעבראָכען . . .

שרה־לאה זיצט אין שוהל און נעהמט ניט אראָפּ די אויגען פון די וועקסענע נשמה־ליכט וואס דוד האט נעבען איהר אוועקגעשטעלט. ביי יעדען שפּריץ פון די פלאמען ווערט איהר אבגעריסען אין הארץ און עס ציינט זיך איהר אָט, אָט ווערען זיי פערלאָשען . . . דאס הארץ איז איהר פארשטיינערט, זי קען ניט וויינען; נעבען איהר זיצט איהר שנור, חיים'ס ווייבעל, גיסט מיט טרעהרען און וויינט אויפ'ן קול, און ניט נור „זי" וויינט, נור אלע וויינען הויך און שטארק. אויך דוד שטעהט געגען איהר פון יענער זייט פענסטער איינגע־הילט אין קיטעל מיט'ן פּנים צו דער וואנט און וויינט הויך אויפ'ן קול; געגען דוד'ן אויף דער וואנט זעהט זי שאָטענס איינגעהילט אין טליתים און שאָקלען זיך אהין און אהער; שרה־לאה קוקט אויף די שאטענס און איהר דאכט זיך אז דאס שטעהען איהרע טויטע קינדער

און פראָטעסטירען געגען איהר . . .

און אָט זיינען די שאָטענס געבליבען שטעהען, דאס געוויין איז געווארען איבערגעריסען, דער חזן מיט צוויי זקנים האבען זיך אוועקגעשטעלט געגען „עמוד“ איינגע־וויקעלט אין טליתים, אין די ווייסע קיטלען, האלטענדיג ספרי־תורות מיט הויכע, ווייסע זילבערנע קרוינען. דער חזן הייבט אן: „על דעת המקום, ועל דעת הקהל“ . . .

— אבער פלוצלונג איז [redacted] צוגעלאפען דער „גבאי“ פון שוהל און האט עפעס איינגערעדט א סוד דעם חזן מיט די זקנים, וועלכע האבען זיך גלייך אומ־געדרעהט און אריינגעשטעלט די ספרי־תורות צוריק אין ארון קודש . . .

א טויטע שטילקייט האט געהערשט אין דער גאנ־צער שוהל. שטיל ווי אויף א „בית־עלמין“. דער „גבאי“, א גרייז גרויער מאן, דאס פנים וויים ווי קאלך, דרעהט זיך אום צום עולם און שרייט אוים מיט א ציטערנדע שטימע:

„רבותי! מען פיהרט אוועק דעם זאפאס! קומט וועלען מיר זיך געזעגענען מיט אונזערע קינדער!“

אייניגע מינוטען זיינען אלע געבליבען ווי פארא־ליזירט, דאן איז געווארען א געדרענג צו דער טהיר . . .

שרה־לאה האט זיך אבגעשטעלט נעבען א טראָ־טואר, פון וואנען זי האט געקאנט ווארפען א בליק אויף די פערבייגעהענדע. די הייזער און די דעכער ארום איהר זיינען געוועזען בעהאנגען מיט בלייכע פנים׳ר און רויט געשוואָלענע אויגען. אין מיטען גאס האט זיך געצויגען דער זאפאס, און געמאכט דעם איינדרוק ווי

זיי געהן צו זייער איינענער לויה. ארום זיי האבען גע־ריטען א „צעפּ“ קאַזאקען בעוואפּענט מיט שווערדען און דיקע נאגייקעס געגען יעדען וואס וועט מאכען א פּערזוך דורכדרינגען דעם „צעפּ“.

שטיל, און רוהיג איז שרה־לאה געשטאנען און גע־שעפּטשעט א תפלה. איהרע אויגען האבען געזוכט כאָטש א בליק טהון אויף איהר לעצטען זוהן. פריהער האט זי געזעהן בעקאנטע, חיים'ס חברים, דאן פּנים'ער, פּנים'ער . . . שאָטענס . . . אין מיטען די שאַ־טענס איהרע טויטע קינדער, איינגעוויקעלט אין טליתים, אין ווייסע קיטלען . . . צווישען זיי אויך יואל . . . אלע קוקען אויף איהר בייז . . . . שאָקלען מיט די קעפּ. . . .

— זיי געזונד, מאמעניו טהייערע! — האט זיך פּלוצלונג דערהערט חיים'ס וויינענדיגע שטימע.

— אל מלא רחמים! — האט שרה לאה אנגעהויי־בען שרייען וואהנזיניג און לויפען פאָרווערטס . . . . אבער פּלוצלונג האט זי דערפיהלט א שטארקען ריס פון א נאגאיקע איבער'ן קאָפּ . . .

זי האט גע'חלש'ט.

דאס ערשטע און דאס לעצטע מאָל

(דערצעהלט פון א אידישען סאלדאט)

א וואונדערבארע זאך דאס איז: ס'איז שוין אוועס שעהנע עטליכע יאהר זייט די מעשה וואס איך וויל אייך דאָ דערצעהלען האט פאסירט. איך געדענק שוין כמעט גאר ניט וואס מיט מיר האט זיך אבגעטאָן אין יענער פעריאדע. איך האב שוין זאגאר פערגעסען די נעמען פון מיינע נאהענטע און בעקאנטע, אלעס איז אוועק און פערשוואונדען אין דער אונענדליכקייט פון תהו ובהו, אבער יענעם טאג קען איך קיין מאל ניט פערגעסען, ער שטעהט פאר מיר לעבעדיג מיט אלע זיינע פארבען און קאליערען.

און יענעם טאג האט מיר דער דעזשורנע פון אונזער מוזיקאנטסקע קאמאנדע געבראכט א בריעף פון מיין מוטער, וועלכער האט זיך געלעזען ווי פאלגט:

„ליעבער זוהן"!

„איך שרייב דיר מיינע לעצטע עטליכע ווערטער,

אום עס זאָל דיר ניט אנקומען מיט א מאָל די שלעכטע בשורה.

„שוין זעקס חדשים אז איך ליעג צו־בעט, דאקטוירים קענען ניט אויסגעפונען פון וואס מיין קרענק האט זיך גענומען, מיינע טעג, זאגען זיי, זיינען געצעהלטע.

„נארישע מענשען, זיי פרעגען דעם דאקטאר און ניט דעם חולה. מיין קרענק, זוהנעניו, איז ניט קיין זעקס וואָ־כעדיגע קרענק, מיין קרענק האט זיך אנגעפאנגען פון דעם ערשטען טאג אן וואס מ'האט דיך פון מיר אוועקגעריסען.

„ווען איך זאָל האבען געלד דיר צו שיקען אויף הוצאות, וואלט איך א געבעט־בריעף געשריבען צו דיין נאטשאלסטווא, אז זיי זאלען דיך לאזען קומען צו מיר זיך געזעגענען, אבער . . .

„איין זאך, זוהנעניו, טרייסט מיך און דאס וועט מיך לאזען שטארבען רוהיג ווייסענדיג, אז איך לאז אי־בער אזא עהרליך קינד ווי דו אויף דער וועלט.

„זיי געזונד, מיין ליעבער זוהן, אז גאָט וועט דיך בעגליקען און דו וועסט אהיים קומען בשלום פון דיין דיענסט, זאלסטו קומען אנקלאפען אויף דיין מוטערס מצבה, און מיר אנזאגען די בשורה פון דיין קומען, איך וויים? אויב ניט זעהען, פילייכט וועל איך כאָטש קענען הערען דיין זיס קול . . .

„זיי געזונד מיין ליעבער זוהן, און" . . .

כ'האב דעם בריעף ניט געקענט דערלייענען. ס'האט מיר א זעץ געטאהן ווי מיט א האמער אין קאָפּ, איך האב געוואלט געהן, לויפען, פליהען, וואוהין האב איך אליין ניט געוואוסט. אונזער פאָלק האט קיין אידען ניט גע־געבען קיין אָטפּוסק, קיין גראָשען ביי דער נשמה, מיט

וואס צו אנטלויפען האב איך אויך ניט געהאט. ווען איך האב בעדארפט שרייבען א בריעף צו מיין מוטער, פלעג איך דעם טאג ניט דערעסען און פערקויפען דאס ברויט, און איך האב פאר זיך קיין אנדער וועג ניט געזעהן, נאר ארייננווארפען זיך אין מיין בעטעל און וויינען . . .

— טרעוואָגא ! ! ! — האב איך פלוצלונג דערהערט א געשריי פון אונזער דעזשורנעם. און די באראבאנעם האבען גלייך אנגעהויבען דעם טרויעריגען ב־ר־ר־ר־ר־ר־ד ! !

ס'איז געווארען א גרויסער גערודער, אין גרויס איילעניש האבען מיר אנגעטהון די שווערדען, אנגעלאדען די רעוואלווערס, געכאפט די אינסטרומענטען ארוים אין דרויסען און זיך געשטעלט „זא־טילאק."

— שאגאָם מארש ! — האבען מיר דערהערט א קאמאנדא, — ראז, דווא, ראז, דווא, ראז, דווא — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — —

מיר זיינען צוגעקומען צום שטאָדטישען פארק. מיר האבען דאָרט געטראפען די איבעריגע דריי קאפעליעס פון אונזער דיוויזיע מיט אלע אָפיצערען פון די פאָלקען, מיט'ן דיוויזיאָנעם נאטשאלניק בראש, צווישען זיי אויך אונזער קאפעלמייסטער, וועלכער איז באלד צוגעקומען צו אונז א פערציטערטער און אונז געלאזט וויסען, אז דער דעוויזיענאטשאלניק וועט דאָ עקזאמינירען אלע קאפעליעס און וועלכע מיוזיק עם וועט ביי איהם אויסנעהמען, וועט שפיעלען פאר'ן צאר, וועלכער דארף קומען אויף א סמאָטר אין צוויי וואָכען ארום.

מיר האבען צולעגט די פיולפיטס, ארויפגעלעגט די

נאָטען און געוואַרט אויף א צייכען פון קאָמאַנדיר.

דעם ערשטען נומער האט בעדאַרפט שפּיעלען די מיוזיק פון ערשטען פּאָלק, און דער קאָמאַנדיר האט גע־אָרדערט שפּיעלען די אָפּערא „אאידאָ."

דער קאָמאַנדיר איז געוועזן א דייטש פון שטרענ־גער דיסציפּלין און א גרויסער מבין אויף מוזיק, און חאָטש די מוזיק פון ערשטען פּאָלק האט זיך גערעכענט פאר דער בעסטער פון אונזער דיוויזיע, דאָך האט ער א מאָך געגעבען מיט דער האַנד אין מיטען שפּיעלען — גע־נוג! דאס איז א געוועזן א צייכען, אז זי איז דורכגע־פאַלען.

די מוזיק פון צווייטען פּאָלק האט בעדאַרפט שפּיע־לען „פּאַאוסט", נאָר אזוי ווי דער קאַפּעלמייסטער, א פּאָליאַק, האט זיך גענומען פריהער ברענגען אין אָרד־נונג די גראָבע און לאַנגע וואַנצען, דאַן האט ער גע־קלאַפּט מעהרערע מאל מיט דעם שטעקעלע ביז די מוזי־קאַנטען האבען זיך בערוהיגט, האט דער קאָמאַנדיר א מאָך געטהון מיט דער האַנד, גענוג . . .

דאַן איז געקומען אונזער אָטשערעד, און ער האט גע־אָרדערט שפּיעלען „זשיזן זא צאַריאַ."

אנגסטען האבען מיך גלייך בעשלאָגען, און חאָטש עס איז געוועזן בין השמשות פון א הייסען דושנעם זו־מער־טאַג, דאָך האב איך אָנגעהויבען ציטערען ווי א פיש. איך בין דעמאָלט געוועזן דער סאָליסט אויף באַ־ריטאָן און אין מיטען שפּיעלען האב איך בעדאַרפט בלײַ־בען אליין מיט א סאָלאָ, וואס האט געדויערט איבער א פערטעל שטונדע.

דער קאַפּעלמייסטער האט געגעבען א סיגנאַל און מיר

האבען גלייך אנגעהויבען שפּיעלען.

די טרויעריגע טענער פון דער מעלאנכאָלישער מע־לאָדיע האבען מיר דערמאנט אין מיין מוטערס בריעף, אז זי קרענקט פון דעם ערשטען טאג אן, זייט מ'האט מיך פון איהר אוועקגעריסען, און ווען זי זאל האבען געלד וואלט זי געשיקט א געבעט־בריעף צו מיין נאטשאלסטווא, זיי זאלען מיך לאזען אהיים קומען זיך געזעגענען, נאָר אזוי ווי זי האט ניט קיין געלד, בעט זי מיך, אז ווען איך וועל אהיים קומען בשלום פון מיין דיענסט, זאל איך אננקלאפּען אין איהר מצבה, איהר אנזאגען די בשורה פון מיין קומען, און . . .

— איך האב מיך צעוויינט אויפ'ן אינסטרומענט.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך האב געענדיגט שפּיעלען, איז דער קא־מאנדיר צוגעקומען צו מיין קאפּעלמייסטער, איהם גע־געבען די האנד און געדאנקט. דערנאך האט ער זיך אויסגעדרעהט צו מיר און האט עפּעס געזאגט, אבער איך האב ניט געהערט וואס, ווייל איך האב אנגעהויבען פיה־לען שלעכט, און בין געפאלען פאר זיינע פיס . . .

ווען מען האט מיך אויפגעמונטערט, האב איך ניט געקענט רעדען. מיט ציטערדיגע הענד האב איך ארויס־גענומען מיין מוטערס בריעף, און איהם דערלאנגט דעם קאמאנדיר, וועלכער האט גלייך געאָרדערט, אז מען זאל איהם ערקלעהרען וואס אין בריעף שטעהט.

א צווייטער אידישער סאלדאט האט איהם איבער־געלעזען דעם בריעף ווארט אין ווארט, דער קאמאנדיר האט זיך אויפמערקזאם צוגעהערט און געשאקעלט מיט'ן קאפּ. ווען ער האט געענדיגט לעזען דעם בריעף, האט

ער געגעבען א בעפעהל, אז מען זאל מיר געבען א אכט טאָגיגען „אָטפּוסק“ און מיך גלייך אבשיקען מיט'ן ערשטען פּאָיעזד אויף קאזיאנע הוצאות.

דער קאפעלמייסטער האט דערנאָך געשילדערט מיין שפּיעלען אויף אזא אופן:

ווען איך האב אנגעהויבען שפּיעלען מיין סאָלאָ, האט ער דערהערט אזעלכע טענער, וואס ער האט זיי נאָך אין זיין לעבען ניט געהערט. דאס זיינען געווען שמערצ־ליכע טענער פון טרויער און געבעט. טענער, פון וועל־כע עס האט זיך ארויסגעריסען א הארצרייסענדער יאמער פון זיפצען און שלוכצען, טענער, וואס האבען גערעדט און געבעטען א תפילה. טענער, וואס ער וועט זיי פּי־לייכט שוין קיינמאל ניט הערען. ער האט פערלוירען אי־בער מיר דעם גאנצען קאנטראל . . .

ס'איז שוין אוועק שעהנע עטליכע יאהר זייט די מעשה, וואס איך דערצעהל אייך דאָ, האט פּאסירט. איך בין אימער ביי דער זעלבער מלאכה. איך האב זיך ערוואָרבען גרויסע קענטניסע אין חכמת המוזיק, איך האב דורכגעמאכט פערשיעדענע קורסען אין שפּיעלען, איך רע־כען זיך אלס איינער פון די גרעסטע שפּיעלער אין מיין פאך. אבער אזוי שפּיעלען ווי דאן קען איך מעהר ניט. אזוי שפּיעלען האב איך נור געקענט, ווען איך האב גע־זעהען מיין מוטער א גוסס'דיגע נעהמען אבשיעד פון דער וועלט . . . אזוי שפּיעלען האב איך נור געקענט דאס ערשטע און דאס לעצטע מאָל . . .

יענעם סדר

היינט בין איך רייך, מענשען דענקען איך בין א מיליאנער, איך אליין ווייס אז כ'בין „גוט־אפ". מיינע יאהרען געדענק איך ניט. א צוואנציג יאהר בין איך געוועזן פאר די פופציג, דערנאָך א צוואנציג יאהר פאר די זעכציג . . . יעדענפאלס בין איך שוין ניט קיין יונגערמאן. אלע מיינע קינדער זיינען שוין אויסגעגעבען, איך האב שוין א היבשע צאהל אייניקלעך און נור איי־ניקלעך וועלכע קומען צו מיר אלע יאהר אפריכטען דעם סדר, און איך דערצעהל זיי די מעשה וואס מיט מיר האט אמאל אין מיינע יונגע יאהרען פאסירט.

איך בין געבוירען געוואָרען א בן־יחיד ביי אן ארי־מען דאָרפ'ס שניידער, מיין פאטער, וועלכער איז געוועזן א זעהר פרומער איד, האט מיר ערצויגען שטרענג רעלי־גיעז. אלע שבתים און ימים טובים פלעגען דורכגעפיהרט ווערען מיט דער גרעסטער שטרענגקייט, און נאָך מעהר

דער יום טוב פסח. פסח איז מיין פאטער געווען א מלך און איך א בן מלך. די סדרים פלעגן זיך ציהען ביז'ן טאג אריין.

ווען איך בין אלט געווארען פופצעהן יאהר, איז מיין פאטער געשטארבען. איך מיט מיין מוטער זיי־נען געבליבען ארים, שטארק אָרים, ס'איז אונז אויסגע־קומען נעהמען טאָרבעס און געהן אין די הייזער. אונ־זער גאנצער האָפענונג איז געווען אויף מיין פאטערס א ברודער, וועלכער האט געוואוינט אין א קאָנטרי לעבען פילאדעלפיא, און געארבייט אין א שאפ אלס שניידער.

און אונזער האפענונג האט אונז ניט גענארט, ווען מיין פעטער האט זיך דערוואוסט וועגען מיין פאטער'ס טויט, האט ער מיר א שיפס קארטע געשיקט מיט א ביסעל געלד אויף הוצאות, אז איך אליין זאל דער־וויל קומען קיין אמעריקא, און דערנאך זאל איך ארי־בערברענגגען מיין מוטער.

אויפ'ן צווייטען טאג נאך דעם וואס איך בין קיין אמעריקא געקומען, האט מיך מיין פעטער אוועקגע־פיהרט אין דעם שאפ, וואו ער האט אלס דער איינציגער איד געארבייט, און האט מיר געלערנט זיין טרייד. איך האב די מלאכה גיך איבערגענומען, אנגעהויבען גאנץ שעהן צו פארדינען און פלעג מיין מוטער צובים־לאך געלד שיקען, זי זאל האבען דערווייל צום לעבען, ביז איך וועל קענען אפשפארען די נויטיגע סומע, עס זאל קלעקען פאר איהר אויף א שיפסקארטע מיט הוצאות.

א פּאָר יאהר זיינען אוועק, די פארדינסטען זיינען געווען קליינע, חוץ וואס איך האב געשיקט דער מאמען חודש געלד, האב איך אויך געמוזט צאהלען דעם פע־

טער פאר באָרד, און זיך א ביסעל צו קליידען, דאָך האב איך שוין געהאט אפגעשפארט א ביסעל געלד וועלכעס איך האב אין די בענק געהאלטען.

מיין פעטער, וועלכער איז גאנץ יונג קיין אמעריקא געקומען, האט זיך אויסגעשפאנט פון אלעם וואס ס'איז אידיש, קיין אידישע צייטונג איז אין שטוב ניט אריינגע־קומען, איך האב זאגאר ניט געוואוסט צו עס עקזיסטי־רען ערגעץ אידישע צייטונגען אין אמעריקא. און זיי־ענדיג ביי איהם אין הויז האב איך אויך מיין ביסעל אידישקייט פארגעסען, איך האב נאָר געטראכט פון שפארען א דאָלאר צו ברענגען מיין מוטער קיין אמע־ריקא. אבער פונקט דאמאלס איז געווארען „סלאָו" ביי אונז אין שאפ, און מ'האט מיך אבגעלעגט פון דער אר־בייט.

עס זיינען אוועק עטליכע וואָכען, קיין ארבייט האב איך ניט געפונען, מיינע עטליכע אפגעשפארטע דאלאר האב איך אויפגעגעסען, וועגען שיקען נאָך דער מאמען האב איך פערלוירען אלע האָפנונגען, כ'האב איהר זאגאר ניט געקענט שיקען קיין איין דאלאר צום לעבען. מיין פעטער, וועלכער איז אויך ארומגעגאנגען אהן ארבייט, האט מיך ניט געקענט מעהר אויסהאלטען מיט קיין „באָרד", און איך בין געצוואונגען געווען זיך צו רענ־טען א „פאָרניטשור" רום ביי אן איטאליענער, וועלכער האט געהאלטען א גראָסערי אין אן ארימען געגענד, און האב דאָרט געלעבט אויף גרויסע צרות. דער איטאליענער פלעגט אויף מיר רחמנות האבען און מיר בארגען ביז איך וועל אנהויבען ארבייטען.

איינמאל, ווען כ'האב ערהאלטען א בריעף פון מיין

מוטער, אז זי קען שוין דאס דחקות ניט אריבערטרא־גען, און זי האט מורא, אז זי וועט אויסגעהען פון הונ־גער, בין איך ארומגעגאנגען שטארק פערזארגט. דער אי־טאַליענער האט דאס באמערקט און מיך געפרעגט וואס מיט מיר איז דער „מעער", און איך האב איהם דער־צעהלט וועגען מיין בריעף. זאגט ער צו מיר: „איך וואָלט דיר ראטהען, אז ביז דו וועסט קריגען א דזשאב, זאלסטו דערווייל ארויסגעהן פעדלען. נעהם ביי מיר אין סטאָר בעזימער און געה זיי פארקויפען, וועסטו זעהן ווי דו וועסט פערדיענען געלד צו שיקען דיין מאמען.

איך האב ניט געהאט קיין שום ידיעה וואס פעד־לען הייסט, האב איך אנגענומען זיין פארשלאג און האב גענומען א דאָזען בעזימער און בין אוועק פעדלען.

ארום פינף א זייגער פארנאכט האב איך שוין גע־האט דעם דאָזען בעזימער פארקויפט און געמאכט דריי דאָלאר פראָפיט. איך בין אוועק אהיים מלא שמחה, בא־צאהלט פאר די בעזימער און גענומען נאָך א דאָזען, און ווידער אוועק פעדלען מיט א בעשלוס ניט אהיים צו געהן ביז איך וועל דעם צווייטען דאָזען בעזימער ניט פערקויפען איך זאל קענען מארגען אוועקשיקען פינף דאָ־לאר דער מאמען.

ס'איז שוין געווען אכט דער זייגער אויף דער נאכט, און מיר זיינען דריי בעזימער צום פערקויפען נאָך גע־בליבען, איך האב שוין אנגעהויבען דענקען אהיים געהען, איך האב זיך געלאזט געהן צו דער קאר. און אזוי שלע־פענדיג זיך א מיעדער האב איך באמערקט ווי איין הויז איז עפּעס בעלויכטען מעהר ווי אלע אנדערע היי־זער. טראכט איך: מסתמא א רייכע הויז, איך וועל נאָך

אריינגעהן אין דעם הויז פּרוואווען מזל. איך האָב אָנ־געקלאַפּט אין טיר און געהערט א קול: „קאַם אין“, בין איך אריין און האב דערזעהען ווי ארום א שעהן געדעקטען, ווייס געשפּרייטען טיש אויף וועלכען עס ברע־נען צוויי גרויסע ליכט אין זילבערנע לייכטער, שטעהען ארומגערינגעלט מענער, פרויען און קינדער, מיט אָנגע־פילטע כוסות מיט וויין צו מאכען קדוש.

איך בין געבליבען שטעהען פערשטיינערט . . . . און אין גרויס פערלעגענהייט האב איך אנגעהויבען מורמלען אין אידיש „אנטשולדיגט וואס איך האב אייך געשטערט.“

אלע האבען אוועקגעשטעלט די כסות, דער עלטערער פון זיי, א שעהנער איד מיט א שניי ווייסע באָרד האט מיך געפרעגט ווי עס קומט וואס איך פּעדעל אין אזא הייליגען יום טוב.

איך האב זיך שטארק פערשעהמט, און זיך ענט־שולדיגט, אז איך שטעה ביי אן איטאליענער, און האב ניט געוואוסט צו ס'איז היינט פּסח, און ס'האט פון מיר ארויסגעפּלאצט א שטראָם טרעהרען . . .

דער אלטער איז צוגעגאנגען צו מיר, מיך אנגענומען ביי דער האנד, און מיך ניט געלאזט אוועקגעהען, איך זאל איהם זאגען פאר וואס איך וויין.

איך האב איהם אלעם דערצעהלט.

זאגט ער צו מיר: „וויין ניט, יונגערמאן, איך וועל דיר ארויסהעלפען. ביי מיר איז א קאנטאָר וואו מען פארקויפט שיפס־קארטען, איך וועל דיר געבען א שיפס־קארטע אויף אויסצוצאהלען ביז וואנען דו וועסט קריגען ארבייט, איך וועל דיר אויך לייען א ביסעל געלד צו

שיקען דיין מוטער, נאָר מיט איין בעדינג, אז דו מוזט מיט אונז פּראוועז דעם סדר.״

איך האב אנגעהויבען נאָך מעהר צו וויינען . . .

ביסלעכווייז האב איך זיך בערוהיגט, אלע האבען געוואַרט ביז איך האב מיך ארומגעוואשען.

ווען איך בין צוגעקומען צום טיש, האט מיר דער אלטער פארגעשטעלט זיינע צוויי זיהן, איינער א דאָק־טאר, דער צווייטער א לאָיער, מ׳האט מיר אנגעוויזען מיין פּלאַץ, מיר אנגעגאסען א כוס וויין, און מיר האבען זיך אלע צוזאמען אויפגעשטעלט און געמאכט קדוש.

נאָכ׳ן קדוש האט דער אלטער יעדען אויסגעטהיילט צו שטיקלאך „כרפּס״, איינגעטונקען אין זאלץ־וואסער, מיר האבען געמאכט די ברכה „בורא פּרי האדמה״, און מיר האבען געזאגט „הא לחמא עניא״.

דער עלטסטער זוהן, דער דאקטאר האט געפרעגט די פיער קשיות.

ווען דער דאקטאר האט געענדיגט, האט געפרעגט דער לאָיער.

דערנאָך די טאכטער.

און מיר האבען אנגעהויבען אלע אויפ׳ן קול זאָ־גען „עבדים היינו״ און געפּראוועט א סדר — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — — —

נאָכ׳ן סדר איז דאס גאנצע בני בית צו מיר צוגע־שטאנען איך זאל פערבלייבען צום צווייטען סדר.

איך האב געפאלגט.

מוצאי יום־טוב, האב איך געקראגען פון׳ם אלטען א שיפס־קארטע פאר מיין מוטער, אויך פופציג דאָלאר אין קעש, וואס זיינע צוויי זיהן, דער דאָקטאָר מיט׳ן לאיער

האבען מיר געליהען פאר מיין מוטער אויף הוצאות —

— — — — — — — — — — — — — — — —

און אלע יאהר ווען עס קומט ערב פסח און מיינע קינדער און אייניקלעך קומען זיך צונויף פראווען דעם סדר, שטעל איך אוועק דריי בעזימער ביי דער טהיר און דערצעהל זיי די וואונדערבארע מעשה וואס מיט מיר האט אמאל אין מיינע יונגע יאהרען פאסירט. און איך פיהל, ווי עפעס א פערבארגענע קראפט הויבט מיך אן ציהען... איך וואלט וועלען א קוק טהון אויף יענער הויז, וואו דער געטליכער מאן מיט דער שניי־ווייסער באָרד, איז געזעסען און געפראוועט דעם סדר . . .

— יענעם סדר . . .

ב

איינדריקעז

פריהלינג

אן אלטער בוים, מיט עטליכע יונגענקע בוימעלעך,
שטעהען מיר אין וועג ווען איך געה צו דער ארבייט.
האלט איך אויף זיי אין איין קוקען.
און איך זעה —
אַט וואס:
קוים האבען די יונגענקע בוימעלעך דערשמעקט דעם פריהלינג, זיינען זיי באלד געווארען בעגייסטערט, זיך אויסגעלייכט, אויסגעצויגען ווי די סאלדאטען, זיך אנגעטאן יום טוב'דיג, בעציערט מיט גרינע „בוקעטען", אויפגעמאכט די פיסקליך און אנגעהויבען ארויסדופטען פערשיעדענע ריחות.
ווען דער בייזער ווינט האט דאס דערשמעקט, האט ער אויפגעשטורעמט פון צאָרן און אנגעוועהעט אוועקצובלאָזען דעם פריהלינג.
דאס ערשע האט ער זיך געווארפען אויף די „יונגע".

איז צווישען די „צוצאקעס“ געווארען א מהומה. אייניגע זיינען געפאלען צו ד'ערד און געווארען בעדעקט מיט שטויב. אנדערע זיינען געפאלען „כורעים“. די וואס זיינען שטעהען געבליבען האבען פון זיך אראָב־געווארפען די יום טוב'דיגע קליידער, און אראָבגעלאזען די קעפּ . . .

און א פריהלינגס ווינטעלע האט זיך ווידער דער־טראגען און אנגעהויבען גלעטען די יונגע בוימעלעך.

האבען זיי באלד פון זיך פערטריבען די פעסימיס־טישע געדאנקען. ווידער געווארען יום טוב'דיג געשטימט. זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט זיך, בעשטעקט מיט גרינע בלעטלעך, אנגעהויבען קוועלען פון נחת, און וואק־סען אין דער לענג און אין דער ברייט . . .

טאג איין טאג אויס.

די יונגע בוימעלעך וואקסען און בליהען, ווערען שעה־נער פון טאג צו טאג, געניסען דעם היינט און קלערען ניט פון מארגען. שטעהען מיט שטאָלץ קעגען דער פריה־לינג'ס זון, וועלכע האלט זיי אין איין צערטלען און קו־שען . . .

און דער אלטער בוים?

א נאקעטער, א געבויגענער, א צוקאָרטשעטער, א פערזארגטער, שטעהט ער מיט אן אראָבגעלאזענעם קאָפּ, קוקט מיט שפּאָט אויף די צוצאקעס וואס ווערען בעגייס־טערט פאר א פריהלינגס ווינטעלע, און ציהען זיך אויס פאר א קוש פון דער זון.

— ער — דער אלטער — איז ניט בעגייסטערט, צופיעל האט ער שוין דורכגעמאכט אין לעבען, מיט צו־פיעל בייזע ווינטען האט ער שוין געקעמפפט, צופיעל האט

זיך איהם די קעלט איינגעגעסען אין דיביינער און איהם איבערגעלאזט שווערע סמנים אויפ'ן לייב. די שטארקע פעסטונג וואס ער האט ארומגעצאמט ארום זיך אין משך פון דורות צו בעשיצען זיך פון קעלט, דערלאזט ניט די פריהלינגס זון צוצוקומען צו זיין נשמה . . .

און ער שטעהט און טראכט.

בײ איהם איז א פראגע פון יא זיין, אדער ניט זיין, פון „טוב שלא נברא יותר משנברא“. ער ווייסט אז דער פריהלינג קומט איהם געבען לעבען, אום עס זאל האבען וואס צו שטארבען . . . ער ווייסט ווי ביטער ס'איז געבוירען צו ווערען, האבען קינדער און קינדס־קינדער, צעוואקסען זיך אין דער לענג און אין דער ברייט, ווערען א „תושב“, און פלוצלונג קומט א לומפ מיט א גראָב־אייזען און גראָבט דיך אויס פון דאנען, און פיהרט דיך איבער אויף אן אנדער אָרט, אויף פרעמדער ערד, צווישען פרעמדע שכנים, פרעמדע לופט, וואו דו מוזט [illegible] וויינען...
אדער עס פערגליסט זיך גאָר דעם גערטנער צו מאכען פון דיר אן אייגענעם געברויך, כאפט ער די האק, האקט דיר אָפּ די צווייגען אדער ער זעגט דיך גאָר אינגאנצען אונ־טער.

טאג איין טאג אויס.

דער אלטער קלעהרט . . . דענקט . . . פילאָזאָ־פירט. . .

אבער די נאטור מיט איהרע שטרענגע געזעצע האט זיך ניט געוואלט צוהערען צום „אלטענ'ס“ געדאנקען . . . א מאמע וויל ניט זעהען איהר קינד'ס טויט, זי וויל אז אלע זאלען לעבען, און געניסען פון לעבען . . .

און זי האט בעפוילען דער פריהלינג'ס זון זי זאל

דערוואָרימען דעם אַלטענ'ס נשמה — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

די זון האט געוואָרימט. דאס פריהלינג'ס ווינטעלע האט געגלעט. בערג און טאהלען האבען אנגעטאָן נייע גרינע קליידער. די נאטור האט געאטעמט מיט פרישער לופט, בלומען האבען געלאזט זייער פערפיומען־גערוך, און פויגעלעך האבען געזונגען שירה . . .

דער אַלטער האט זיך אויפגעכאפט, זיך ארומגע־קוקט, דערזעהען ווי אלע זיינען אנגעטאָן, נור ער אליין שטעהט נאקעט . . .

האט ער זיך פערשעהמט.
און זיך אנגעהויבען אנטאָן . . .
נאָכטאָן די יונגע . . .
אבער פערזארגט . . . פערכמורעט . . .
דאס קען מען זעהען אין זיינע קנייטשען . . .

אונטער'ן מעסער

איך בין געווען קראנק. שטארק קראנק. איך האב מיך פינף מאנאטען ארומגעטראגען מיט א וועטאג. זיך געראנגעלט און געליטען. מיינע נאהענטסטע פריינד האבען מיר קיין עצה ניט געקענט געבען; עס ווייזט אויס אז וואס נאהענטער מען שטעהט צו א פריינד אלס שווערער איז איהם אן עצה צו געבען. און דערפאר הפנים קען זיך דער מענש אליין קיין עצה ניט געבען, ווייל ער שטעהט צו נאהענט צו זיך אליין . . .

דעם אמת זאגענדיג האב איך פאר שטארבען קיינמאל קיין מורא ניט געהאט; ווייל מיט שטארבען בין איך שוין געוואוינט. שטארבען מיר דען ניט פון'ם ערשטען טאג אן וואס מיר ווערען געבוירען? עס שטארבען אונז אפ די טעג, עס שטארבט אונז אפ א זיידע, א באבע, א טאטע, א מאמע, א שוועסטער, א ברודער, א קינד, א גוטער פריינד, עס שטארבען אויס צו ביסלעך די צייהן,

די אויגען, די האָר; עס שטארבען אפילו אונזערע ביל־דער . . . די בילד מיינע וואס הענגט אויף דער וואנט איז שוין לאנג געשטארבען. מיין יעצטיגע בילד איז שוין מיט א געלעכערטען אויער, האלב בלינדע אויגען, אהן צייהן, אהן האר, אהן שטרעבונגען צום לעבען . . . און דערפאר האב איך מיך ניט געשראקען פאר׳ן שטארבען, געשראקען האב איך מיך נאָר פאר׳ן טויט.

צוויי מאָל בין איך געלעגען אונטער׳ן מעסער פאר־טיג צום שניידען. אבער ווי פארשיעדען זיינען די שרעק־קען געווען. דאס ערשטע מאל ווען איך בין געלעגען אונ־טער׳ן מעסער איז געווען צוריק מיט פיער מאנאטען. מיי־נע דאקטוירים האבען מיך דאן געבראכט אין א האספי־טאל און געוואלט מאכען איבער מיר די נויטיגע אפערא־ציע, א ביין, האבען זיי געזאגט, פוילט ביי מיר ערגעץ אונטער׳ן אויער, און מען דארף איהם אבזעגען . . . און איך האב פלוצלינג, אין מיטען שטראם פון לעבען, דער־פיהלט דעם טעם פון טוידט, און איך האב מיך פאר׳ן טויט דערשראקען. שוידערליך האט ער זיך פאר מיר דאן פארגעשטעלט. איך האב מיט אמאל ליעב באקומען דאס לעבען. איך האב מקנא געווען אלעם וואס לעבט. איך האב אפילו מקנא געווען דעם אלטען בוים וועלכער איז געשטאנען איינגעהילט אין ווייסען און אריינגעשטנ׳ט אין האספיטאל, וויסענדיג אז איהם געהט צום לע־בען . . . די מורא פאר׳ן טויט איז געווען ביי מיר אזוי גרויס, אז איך בין פון׳ם האָספיטאל אנטלאָפען . . .

און זייט דאן האב איך מיך ארומגעטראגען מיט טי־טוס׳עם יתוש אין אויער און ער האט געהאלטען אין איין פיקען און לעבערען מיין מח. געפיקט בייטאג און געפיקט

ביינאכט ; ביים עסען און ביים שלאפען ; ביים ריידען און ביים דענקען : איך בין געלאפען מדאקטאר לדאק־טאר, מפראפעסאר לפראפעסאר, אבער אהן דעם מעסער האט מען מיר קיין בעסערע עצה ווי לעגען הייסע „בעגס" ניט געקענט געבען און דאס האב איך געטאהן פינף חדשים צייט . . . איינער א גרויסער פראפעסאר האט מיר געגע־בען אנצוהערען על פי רמז, אז אן אפעראציע פאר מיר נאך פינף מאנאטען קרענקען איז שוין צו געפעהרליך, ווייל עס קען טרעפען אז איין אויג זאל זיך אבשטעלען ווי די זון אין „גבעון" און זאל ניט וועלען „מופען". עס קען טרעפען אז איך זאל מוזען פארליערען אן אויער אדער דאס פנים זאל זיך אויסדרעהען אן א זייט . . .

וכשתקפו עלי צרותי, אז דאס שטעכעניש אין קאפ און דאס ברעכעניש אין מח איז שוין געווארען אונער־טרעגליך, האב איך אנגעהויבען צוגעוועהנען מיין גע־דאנק צו דער אפעראציע. וואס ביי מיר האט עס גע־הייסען צום טויט . . . איך האב אנגעהויבען דיינקען צו איז טאקע דער טויט אזוי שרעקליך, און צו איז ער ניט אמאל אן ערלעזער פון צרות . . . . און מאדנע, וואס מעהר כ'האב מיך אנגעהויבען צוגעוואוינען צום גע־דאנק אז דער טויט איז ניט קיין אומגליק, אלץ מעהר נאַ־טירליך איז ער פאר מיר געווארען און אלץ ווייניגער האב איך זיך פאר איהם געשראקען. און דאס מאכט מיך צום דענקען אז ווען דער מענש קומט אין די עלטערע יאהרען, הויבט ער זיך אן ווייניגער צו שרעקען פאר'ן טויט, ווייל ער ווערט ביסלעכווייז צוגעוועהנט צום געדאנק, אז ער דארף און מוז שטארבען. עס ווערט מיר אויך פארענטפערט פארוואס פיעלע ארעסטאנטען, וועלכע זיינען פאראור־

טיילט צום טויט, געהען רוהיג צום „עלעקטריק טשער“. איך גלויב אז מיט צוגעוואהנען דעם געדאנק, אז די זאך מוז פאסירען, ווערט די זאך אלץ נאטירליכער און מען וויל וואס פריהער איבערקומען . . .

און דארום וואס מעהר כ'האב מיך צוגעוואהנט צום געדאנק אז איך מוז דורכמאכען די אפעראציע ניט קוקענדיג וואס פאר א רעזולטאטען דאס זאל ניט ברענגען, אלץ ווייניגער האב איך זיך געשראקען. פונדעסטוועגען, ווען איך פלעג אמאל בלייבען זיצען אין מיין קליינעם גארטען, און בעטראכטען די שעהנע נאטור, ווי אלעס וואקסט און בליהט: ווי אלעס לעבט און שטרעבט צום לעבען; ווי די בלומען שמייכלען אראפ צו די רויטע רעטיכלאך, ווי די וויינבלעטלעך האבען זיך געגרויסט און געצויגען און זיך פארטיג געמאכט „מקדש־השבת“ צו זיין, און דער „זמיר“ איז געשטאנען אויף א בוים און זינגענדיג מיך אוועקגעשלעפט אין די עולמות עליונים — פלעגט זיך אין מיר צוברענען א ליידענשאפט צום לעבען . . . . און בלייבענדיג אזוי זיצען פארטראכט פלעג איך זיך איינהערען אין גערויש פון די בוימער צו ריידען זיי דארט ניט פון מיין שיקזאל . . .

און איך האב געהערט . . . ניט פון די בוימער, נאר פון דריי דאקטוירים וואס האבען ארויסגעגעבען איבער מיר זייער גזר דין, איך מוז געהן אונטערן מעסער . . .

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

א נוירס האט צו מיר צוגעשטופט דאס אפעראציאן בעטעל און מיר געלאזט וויסען אויף שטום לשון אז די צייט איז געקומען . . . איך האב מיך רוהיג אויסגעצוי־

גען אויפ'ן בעטעל און די נוירס האט מיך אוועקגעפיהרט און אוועקגעשטעלט לעבען אָפעראציאָן צימער . . .

מיין פרוי וועלכע איז ניט אבגעטראטען פון מיין קראנקען בעט די גאנצע צייט פון מיין קרענק, איז ווי געוועהנליך אויך יעצט מיר געשטאנען צו־קאפּענס, צוזא־מען מיט מיין שוועסטער און מיין שוואגער.

די דאקטוירים האבען פארשפּעטיגט אויף א האלבער שעה. איך האב עס געהאלטען פאר א גרויסער עולה, ווייל די לעצטע מינוטען האבען זיך שטארק געצויגען און האבען מיר גענגעבען צייט צום דענקען . . . איך האב געטראכט אז באלד וועט זיך אבשפּיעלען א שטיק טרא־געדיע, מיך וועט מען ארייגפיהרען אהין וואו עס בלאנקען די מעסערס. די טהירען וועלען ווערען פארמאכט, מיינע אייגענע וועלען בלייבען פון יענער זייט טהיר און מיך וועט מען „אבטויטען" אום צו פארלינדערען מיינע שמער־צען. . . דערנאך וועט מען געבען א לאנגען טיעפען שניט אונטער'ן אויער; איך וועל געבען א מרוקע און עס וועט זיך א גיס טהון בלוט ווי ביי א געקוילעטען אקס . . . איך האב מיך דערמאנט אין פערשיעדענע מעשיות וואס כ'האב מיך אנגעהערט וועגען אפעראציעס, ווי איינער האט זיך אויפגעכאפּט אין מיטען דער אפעראציע; ווי ביי איין אפעראציע האט דער דאקטאר פארגעסען אינע־ווייניג א שטיקעל געצייג און מ'האט געמוזט נאכאמאל עפענען, כדי דעם אינסטרומענט ארויסצונעהמען . . . .
אויך האב איך מיך דערמאנט פון מיינער א שכנה, וואס האט געהאט אן אפעראציע אונטערן אויער און איז שוין נאר אין גאנצען ניט אויפגעשטאנען . . .

און נאך דער אפעראציע האב איך געטראכט, וועט

זיך עפענען די טהיר און מיין אורטהייל וועט ארויסגע־
טראגען ווערען — געלונגען, אדער ניט געלונגען . . .

. . . און איך האב געקלעהרט ווער פון מיינע איי־
גענע, וואס שטעהען דאָ לעבען מיין בעט, וועט ליידען א
גרעסערען פארלוסט . . .

כ'האב דערהערט טריט.

די דאקטוירים זיינען אנגעקומען: פארבייגענאנ־
גען לעבען מיין בעט, מיך געפרעגט, שמייכלענדיג, וואס
איך מאך און זיינען אריין אין אָפּעראציאָן צימער.

מיין פאנטאזיע האט אנגעהויבען שטארק צו אר־
בייטען. די געדאנקען האבען ביי מיר זיך אנגעהוי־
בען מישען; איך בין געווארען מיסטיש געשטימט און
האב אנגעהויבען רוהיג צו דענקען וועגען חשבון הנפש . ..
ס'האבען זיך מיר אנגעהויבען דרעהען אין מח די „עשרת
הדברות" אויף וועלכע איך האב עובר געווען . . .

אין א מינוט ארום זיינען די דאקטוירים ארויסגע־
קומען פון יענעם צימער און א וואונק געטאהן צו דער
נוירס אז זי זאל מיך אריינפיהרען אהין.

איך האב בעטראכט די דאקטוירים: אלע זיינען
זיי געווען אויסגעטהון ביז צום העמד, אהן קאלערס, די
ארבעל פארקאטשעט ווי ביי קצבים, און אויף די פּנים'ער
האבען זיי געטראגען מאסקעס וואס זאלען צו זיי ניט
צולאזען דעם „היטער". זיי האבען ביי מיר אויסגעזעהען
ווי די חברה „נושאי המטה" פון דער „חברה קדישה", וואס
מאכען זיך פארטיג צו טהאָן א „רעכט" . . .

באלד ווי מ'האט מיך אריינגעפיהרט אין אָפּעראַ־
ציאָנס צימער האט מיך די נוירס העפליך געבעטען איך
זאל אליין איבערגעהען אויפ'ן אָפּעראציאָנס טיש. איך

האב זי געפאלגט און האב מיך אוועקגעלעגט מיט'ן פנים ארויף. די נוירס האט מיך איינגעדעקט מיט וואלענע דעקען.

מיין הויז־דאקטאר האט געזאגט דער נוירס אז זי קען שוין אנפאנגען, און האט מיך אנגענומען ביים דופק.

די נוירס האט זיך געשטעלט ביי מיר צוקאפענס און מיר ארויפגעלעגט א קליין טיכעלע אויפ'ן שטערן. איך האב דערפיהלט אן אונאנגענעמען ריח . . . אבער ס'איז געווען צום אריבערטראגען. באלד האט זי מיר ארויפגע־לעגט א טיכעלע אויפ'ן רעכטען שלייף און א טיכעלע אויפ'ן לינקען שלייף; דער ריח איז געווארען שווערער... די נוירס האט מיר געהייסען אטהעמען טיעף און איך האב זי געפאלגט. דערנאך האט זי מיר ארויפגעלעגט א טי־כעל אויף די אויגען און א צווייטע טיכעל אויף דער נאז און עפעס ווי מיט איין מאל האט פון ערגעץ געגעבען א בלאז אזא שווערער ריח, און איך האב געוואלט מיך געבען א הויב־אויף און אנטלויפען . . . אבער איך האב שוין מיט קיין פוס ניט געקענט ריהרען. איך הער ווי מען הייבט זיך שוין אן פארען מיט מיר, מען וויל מיך שוין נעהמען צום „שניידען" . . . איך האב געוואלט א גע־שריי טאן: „ווארט אביסעל, איך לעב נאך! . . . אבער איך האב ניט געקענט דערכאפען דעם אטהעם. — —

— — — — — — — — — — — — — — —

ווען איך בין געקומען צו מיין באוואוסטזיין, האב איך דערהערט א שלאקס רעגען, וואש ד" מתלקחת. ס'האט געדונערט און געבליצט, און צווישען די דונערן און בליט־צען האב איך דערהערט א געטליך קול: „אנכי! איך בין עס! די אפעראציע איז געלונגען . . .

דאס איז געווען די שטימע פון מיין פרוי.

איך האב אויפגעמאכט די אויגען. איך האב דער־פיהלט אז איך בין שטארק נאס פון'ם מבול נויט־שוויים וואס האט מיך באנאסען. אויפ'ן פענסטער האב איך באַ־מערקט צוויי טויבען שטעהען און ווארקען, האב איך פער־שטאנען אז די געפאהר איז פאראיבער . . .

וואס ווייטער האט פאסירט געדענק איך ניט. מיי־נע נערוועו זיינען מיר געווען ערשיטערט, איך בין ניט געווען ביים פולען פארשטאנד. מיינע אייגענע דערצעה־לען מיר, אז די וועלט איז מיר זעהר ליעב געווען, איך האב מיך צו יעדען ערקלעהרט אין ליעבע . . . שפעטער אבער, ווען ס'איז מיר אנגעקומען א שלעכטיגקייט ביים הארצען, געדענק איך גוט ווי כ'האב געטראכט, אז אויב דאס אבטויטען דעם באוואוסטזיין ברענגט דערצו אז מען זאל קיין שום שמערצען ניט פיהלען, ווי גוט וואלט עס פאר מיר געווען, ווען איך זאל שוין אזוי געווען בלייבען ליגען אבגעשטארבען און ניט פיהלען דאס שלעכטיגקייט פון לעבען . . .

אין האָספּיטאַל

א.

אין דער גאנצער צייט וואס כ'האב זיך ארומגע־שלעפּט צווישען דאָקטוירים, האב איך גענוג צייט גע־האט זיי צו כאראקטעריזירען און בעטראכטען פון א פּסיכאָלאָגישען שטאנדפּונקט. און, גאָט מיינער, ווי פארשיעדען זייערע כאראקטערע זיינען און ווי אבגעזונ־דערט זיי שטעהען איינער פון צווייטען . . . איך קען צוויי דאָקטוירים פון דער זעלבער פּראָפעסיע,ביידע אין זעלבען חדר געלעהרענט, ביידע ספּעציאליסטען אין זייער פאך, ביידע האבען זיי זיך ערווארבען א נאמען ביי זייער ארבייט. און דאָך ווי פארשיעדען זיי זיינען איינער פון צווייטען, וואס פאר א גוואלדיגער קאָנטראסט עס איז צווישען איינעם און דעם אנדערען. : איינער בעהאנ־דעלט דיך ווי א מענש, דער צווייטער ווי א חיה ; איי־נער פארעט זיך ביי דער מכה און פיהלט דיין וועהטאג, דער צווייטער שטופּט דאס שפּיזעל אין אויער און

טראכט דערביי ווער ווייסט וואס; איינער מאכט דיך פיהלען מיט זיינע גוטע רייד מעשה גוטער פריינד און דו בעקומסט צו איהם צוטרויען, דער צווייטער האלט זיך מעשה טשינאָווניק און ווארפט אויף דיר א מורא, גלייך ווי ער געהט אויף דיר מאכען א פּאָגראָם; איינער מאכט די אָפּעראציע ווייל מען מוז, דער צווייטער ווייל עס לוינט זיך; איינער האלט זיין מלאכה הייליג, ער וויל היילען דעם קראנקען, דער צווייטער טראכט וועגען ביזנעס, ווי אזוי מען קען פון דעם חולה, „ארויסקוועטשען" וואס מעהר געלד . . .

איינער פרעגט אייך גארניט אויף קיין געלד, געלד איז ביי איהם א נעבען־זאך, דער צווייטער לאזט אייך גלייך וויסען אז ער האט „געריייזט" דעם פּרייז; איינער שניידט א מענשען ווייל ער דענקט אז דאס איז די לעצ־טע רפואה, דער צווייטער שניידט ווייל ער וויל פּראקטי־צירען . . . איינער איז פערא־ינטערעסירט אין דער קרענק און טראכט וועגען איהר. דער צווייטער פאר־געסט דעם קראנקען, גלייך ווי ער טרעט אריבער די שוועל . . . דאכט זיך גלייכע מענשען, אלע מיט די זעלבע קענטעניסען, מיט די זעלבע פעהיגקייטען, מיט דער זעלבער צאהל אויגען, אויערען, הענד, פיס, און דאך, ווי פארשיעדען זיי זיינען, וואס פאר א גרויסער תהום עס ליגט צווישען איינעם און צווייטען . . . .

אין ערשטען אווענד פון מיין קרענק, ווען אין אויער האט אנגעהויבען האקען ווי מיט א האמער, און אונטער דער הויט האט געשטאָכען ווי מיט שפּיזלעך, און דער וועהטאג איז געווען ניט אריבערצוטראגען, האט מיר דער ערשטער דאָקטאר פארשריבען א וואסערעל צום

טרינקען, און געזאגט אז מאָרגען אווענד וועט ער מיך ווידער זעהען. אין דער זעלבער צייט האט א צווייטער דאקטאר געזאגט: „פארלירט ניט קיין מינוט, לויפט צו אן אויער־ספעציאליסט ווייל איך בין עס ניט״ . . . . דאכט זיך צוויי גלייכע דאקטוירים, דאך האט זיך איי־נער ווייניג געקימערט וועגען מיין וועטאג, און געוואלט קריגען באצאהלט פאר נאָך א פּאָאר וויזיטען, און ביים צווייטען האבען די מענשליכע ליידען גובר געווען דאס געלד . . .

און ניט נאָר צווישען דאָקטוירים זעהט מען אזא גרויסען קאָנטראסט. אויך אין די האָספּיטעלער ביי די בעהאנדלונגען צווישען ארים און רייך קען מען דעם אונטערשיעד זעהען. בעיני ראיתי ווי מ׳האט אריינגע־בראכט אין איין האספיטאל א קראנקע, יונגע פרוי וועל־כע איז געווען קראנק אויף „ניומאניע״. זי איז געווען געפעהרליך קראנק, א שאָטען פון א מענשען, קוים וואס זי האט געאטהעמט. זי האט געמוזט האבען פרישע לופט און דאָך האט מען זי אוועקגעשטעלט לעבען בית הכסא, די טהיר איז געשטאַנען אפען. דער וואסער פלאץ איז געווען פארשטאָפּט שוין פון עטליכע טעג ווייל די רעהרען האבען געפלאצט, און דאך פלעגען אלע חולאים אהין געהן . . . און שטעלט זיך פאר וואס פאר א שווערער גערוך דארט איז געווען, פשוט צום פאר־שטיקט ווערען, און דארט האט מען אוועקגעשטעלט די געפעהרליכ־קראנקע, איינצואטהעמען יענע ריינע לופט . . אין דער זעלבער צייט איז אין זעלבען האספיטאל גע־שטאנען א לעדיגער צימער און געווארט, טאָמער וועט קומען א רייכער חולה, וואס וועט קענען בעצאהלען . . .

צווישען די נוירסעס טרעפט מען אויך פארשיע־דענע כאראקטערען. כמעט אלע זיינען גוט צום קראנ־קען, אייניגע מאטערען זיך צו זיין גוט, ווייל די פּראָ־פעסיע פארלאנגט עס. און אייניגע זיינען גוט פון דער נאטור. עס געפינען זיך צווישען זיי אזעלכע, וואס מיט זייער גוטסקייט פארזיסען זיי דעם קראנקענס שמער־צען . . . די נוירס וואס האט געוואכט איבער מיר טאג ווי נאכט האט געמאכט א נאטירליך־גוטען איינדרוק. זי האט יעדע זאך געטאהן מיט אזא מוטערליכער געטריי־שאפט, אז עס פלעגט זיך מיר אויסווייזען אז מיין מאמע שטעהט לעבען מיר. זי טהוט אלע ארבייט וואס א מו־טער טהוט: וואשט, באדט, וויקעלט, אבער אלץ ווערט געטאהן מיט אזא ערנסטער ערליכקייט, פּונקט ווי א מאמע טהוט עס ביי איהר קינד. זי איז נאָך גאָר יונג, הויך און שעהן, מיט א צניעות'דיגען אידישען פּנים, אבער ווען דו צורעדסט זיך מיט איהר, דערצעהלט זי דיר אז זי איז א „פּענסילווייניא דאָטש", זי שטאמט, הייסט עס, פון דייטשען, און עס פארדריסט דיך פאר וואס זי זאגט ניט אז זי איז א אידישע טאכטער . . .

ווען עס פלעגט מיך אנהויבען שטארקער וועה טהון, פלעגט זי זיך אוועקזעצען לעבען מיין בעטעל און מיך פארריידען. און מיר דערצעהלען פארשיעדענע מעשה'־לעך. זי איז געווען אין „פרענטש" אין צייט פון דער מלחמה און האט געארבייט דארט אלס נוירס, איינמאל האט מען איהר געזאגט אז צווישען די שטארק פער־וואונדעטע איז דאָ איינער וואס רעדט אויף א שפּראך וואס קיינער פארשטעהט ניט. זי איז באלד אריין אין דעם קראנקענס צימער און אנגעהויבען ריידען צו איהם

ענגליש. אבער ער גלאנצט מיט די אויגען און שווייגט. פראנצויזיש — ער שווייגט. דאן האט זי איהם געזאגט אין דייטש א צוויי־דריי ווערטער וואס זי קען, „וואס מאכסט דו, מיין ליעבער יונג"? דער קראנקער האט זי אנגעכאפט ביי דער האנד און זיך אזוי צעוויינט, אז אלע האבען מיט־געוויינט. ער איז געווען א דייטש און האט מורא געהאט צו זאגען אויף דייטש וואס איהם טהוט וועה . . . זי פלעגט מיר דערצעהלען אז זי איז זעהר רעליגיעז, זי גלייכט צו געהן זונטאג אין „טשוירטש", ווייל זי גלייכט זעהר רעליגיעזע „סאָנגס", זי גלייכט אויך יעדען מענשען וואס האלט זיין רעליגיאן . . . . באטראכטענדיג די נוירס וואס שטאמט פון דייטשען, ווי רעליגיעז זי איז ערצויגען, און מיט וואס פאר אן איבער־געגעבענע ערליכקייט זי טהוט אלעס וואס באלאנגט צו איהר ארבייט, ניט איבער דענקענדיג צו ס'איז רעכט, אדער ניט, איז מיר פארענטפערט געווארען די קשיה, ווי אזוי דייטשלאנד האט אויף די שלאכטפעלדער גע־קענט ציינען אזעלכע גבורות . . .

ב.

צווישען די חולאים וואס ליגען אין די האָספיטעלער געפינען זיך אויך פארשיעדענע טיפען. איינער, א שטי־קעל מאנופעקטשורער, האט מיך שטארק מקנא געווען וואס צו מיר געהען א סך מענשען, מסתמא אלע פון מיין „לאדזש". צו איהם, האט ער זיך באקלאגט, איז קיינער ניט געקומען, כאָטש ער בעלאנגט צו א געהויבע־נעם פאראיין שוין צוועלף יאהר. ער האט שוין איינגע־צאהלט דארט א פערמעגען און האט נאָך פון דארט קיינ־מאל קיין סענט ניט ארויסגענומען. ווען ער איז קראנק

געוואָרען איז ער שולדיג געווען אין פאַראיין צוויי דאָ־
לאַר מיט נײַנציג סענט. האָט מען איהם קיין סיק בע־
נעפיט ניט געשיקט. אפילו קיין קאָמיטע אויך ניט, ווייל
אזוי זאָגט די „געזעצע“ פון זיין פאַראיין. און זיין
פאַראיין — זאָגט ער, פיהרט זיך נאָר „געזעצליך“.
ער איז אָבער זיכער אַז איבער הונדערט יאָהר, אַז ער
וועט שטאַרבען, וועלען זיך די ברידער צונויפלעגען צו
„טולער“ פון די קעשענעס און אָבצאָהלען דעם טויטענס־
פאַל, ווייל עס וועט זיין „געזעצליך . . .“

א צווייטער קראַנקער קלאָגט זיך, אַז די „סטיטשעס“
אַרויסשלעפען איז ניט זעהר קיין גוטער מאכל, און ער
ווינשט די אידישע פּאָגראָמשטשיקעס, ווען זיי וועלען
בקרוב קומען אין „גהינום“, זאָל מען זיי דאָרט האַלטען
אין איין שלעפען „סטיטשעס“ . . .

אין א רעגענדיגען אָדער כמאַרנעם טאָג זיינען אַלע
הולאים וואָס האָבען געהאַט אָפּעראַציעס אויף אויערען,
אין א געהויבענער שטימונג, ווייל פאַר דער אָפּעראַציע
ווען עס פלעגט קומען א כמאַרנע טאָג, פלעגט דאָס שטע־
כעניש ווערען ערגער. און דאָס קלאַפּעניש אין אויער
שטאַרקער. יעדער „טשענז אין וועטער“ איז געווען „היי־
מעל־עפּען־זיך“, און דאַרום איז אין אַזאַ טאָג די שטי־
מונג געהויבען, ווייל מען פיהלט שוין מעהר ניט קיין
שמערצען . . .

ג.

פון היץ

אליין איז זי א סאָציאַליסטקע, ארבייט אין שאפ און איז ברוגז אויפ'ן באס.

אין איהר פרייער צייט איז זי ביזע מיט מיטינ־גען, לעקטשורס און פראָטעסטען, און עס בלייבט איהר קיין צייט ניט צו דענקען וועגען איהר אייגענער לאגע.

היינט האט א פאטרול וואגען זי געבראכט אהער, אין האָספיטאל.

צוויי טעג איז זי געלעגען אין דער היים אהן א דאָקטאר, ניט געהאט די מעגליכקייט איהם צו רופען, אויפ'ן דריטען טאג האט מען ארייננערופען דעם דאָקטאָר וואס וואוינט די דריטע הויז, און ער האט איהר ער־קלעהרט, אז ס'איז די „פלו“. זי האט איהם פאר דער גוטער בשורה אוועקגעגעבען דעם לעצטען דאלאר וואס זי האט פארמאגט, אבער דער דאקטאר האט קיין איין דאָלאר ניט געוואלט נעהמען נור צוויי. און זי האט

געמוזט באַרגען ביים שכן נאָך א דאָלאר.

גוטע שכנים האבען אנגעהויבען צו ריידען זי זאל געהן אין האספיטאל, אבער זי האט דערפון ניט גע־וואלט הערען. זי וויל ניט קיין קאפיטאליסטישע טובות, דערווייל זיינען פערביי א פאָר טעג און ס'איז געווארען ערגער. האט זיך א שכן דערבארעמט און אבגערופען אין פאָלים־סטיישאן.

ליגט זי יעצט אין האָספיטאל און רעדט פון היץ"....

קאפיטאל . . . . קאפיטאליסטען . . . . באָסעס . . . סטרייקס . . . שלעכטע אָרדנונג . . . ווען עס ברענט א הויז, אדער עס ברענט „קאפיטאל", ראטעוועט מען שנעל, עס לויפען „אינזשינס", עס פאָהרט, עס רעשט, עס קלינגט, מען ראטעוועט. ווען אבער א מענש ברענט, איז ניטא ווער ער זאל דאס פייער לעשען. כאָטש ברען ווי א ליכט, אדער גיב זיך איבער אין די הענד פון א „סאָקער" . . . קאפיטאל . . . קאפיטאליזמוס . . . באסעס . . . סטרייקס . . . שלעכטע ארדענונג . . ."

ד.

דער פּרעהליכער חולה

דעם גאַנצען טאָג מאַכט זיך איהם דאָס מויל ניט צו שוין ביי די ערשטע פּאָר מינוט פון אייער בעקאַנטשאַפט דערצעהלט ער אייך גלייך ווער ער איז און וואָס ער איז. וויפיעל רייכע קרובים ער האָט, און וויפיעל אָרימע ער האָט ניט.

ביים ערשטען אויגענבליק דאַכט זיך אייך אַז ער רעדט פון היץ. אָבער עס נעהמט ניט פיעל אויסצוגעפינען אַז דאָס ריידען איז ביי איהם אַ נאַטירליכע זאַך, ער גלייכט ריידען און שפּאַסען. שפּאַסט מיט די חולאים, שפּאַסט מיט די דאָקטוירים, אפילו מיט די נוירסעס . . . אַלע קענען איהם שוין פאַר אַ שפּאַסער און בעליידיגען זיך ניט.

זיין קרענק איז אַ מאַגען־קראַנקהייט, אַ פערלאָזענע קרענק וועלכע האָט איהם שוין געבראַכט צום האָספּיטאַל. דאָקטוירים האָבען איהם ניט ערלויבט צו עסען

חוץ לויזע אייער און מילך. אבער ער לאכט זיך אוים פון די דאקטוירים און באשטעלט פון דער היים א צי־מעס . . . און ווען דער דאקטאר האט איהם געכאפט מיט'ן טעפעל און עס געוואלט ביי איהם צו־נעהמען און „רעפארטען,“ האט ער געהייסען דעם דאקטאר צו „מיינ־דען זיינע אייגענע ביזנעס.“

ווען מ'האט איהם גענומען איין „עקסרעי“ פיקט־שור, האבען די דאקטוירים זיך געוואונדערט, לויט זייער חשבון האט דער מאגען באדארפט זיין ריין און ניט טונקעל. אבער באלד איז ארוים דער סוד, אז דארט ליגט א צימעס . . . .

ה.

די שוויגער

זי איז געקומען זעהען איהר קראנקען איידעם.

איהר אויסזעהען איז אלט, אסך עלטער פון איהרע יאהרען, איהם פנים איז געלער פון וואקס און געקנייטשטער פון געקנייטשט. קיין סימן פון פלייש, קיין טראָפען בלוט. איהר האלטונג איז צניעות'דיג פיל מיט עניות. זי איז ביי זיך קלענער פון יעדען וואס טראגט דעם נאָמען מענש. זי איז פרומער פון פרום, און עהרליכער פון עהרליך. איהר עהרליכקייט איז אזוי גרויס אז אלעס ארום איהר ווערט עהרליך. יעדענפאלס זעהט זי ניט צו ס'זיינען דאָ מענשען וואס זיינען ניט עהרליך.

גוט איז זי ווי די גוטסקייט אליין, קיינער האט זי נאָך בייז ניט געזעהען, דער כעס האט ביי איהר קיין מקום־מנוחה ניט געפונען; קיינעם זאגט זי ניט קיין דעה. אפילו ניט איהר אייגען קינד, אלעס וואס יענער טהוט איז גוט, זי זעהט ניט קיין חסרונות.

קיינמאל וועט איהר זי ניט הערען ריידען פון יע־

נעם, ניט דערפאר וואס זי וויל ניט, נור פשוט ווייל זי האט ניט וואס.

צוויי מאהל אין טאג געהט זי דאווענען, אבער זי דאווענט ניט פאר יענעם, אויך ניט פאר זיך, נור פאר גאָט, טאג ווי נאכט זאמעלט זי נדבות אבער זי קען ניט דערזאמלען אזא סכום עס זאל איהר קלעקען פאר דער צאהל אומגליקליכע וואס זי האט, אפילו ווען זי לעגט צו איהר אייגען ביסעל געלד וואס זי באקומט פון איהרע קינדער.

קיין אונטערשיעד צווישען די קינדער ווערט ביי איהר ניט געמאכט, זי ליעבט אלע גלייך: די שנור און דער איידעם זיינען ביי איהר גלייך ווי די אייגענע קינדער, און אָפטמאל טרעפט אז זי פארגעסט ווער ס'איז די טאכטער און ווער — די שנור . . .

ווען זי הערט לעזען אדער דערצעהלען װעגען א שלעכטער שוויגער. קוקט זי אייך אן תמימות'דיג און דענקט אז מען שפאסט פון איהר. זי קען ניט בעגרייפען ווי קענען מענשען זיין שלעכט.

אין די יונגע יאהרען ווען זי איז געווען רייך און האט געהאט אסך בעדיענער, פלעגט מען זי אסך מאָל, אין גרויסע ווינטער־נעכט, טרעפען צווישען די שלאפענדע, זיי איינדעקען די פיס . . .

אינגאנצען פארמאגט זי דריי קינדער אלע פארהייראטע, אבער ביי קיינעם פון די קינדער וויל זי ניט זיצען נור ביי אלע . . .

דאס גאנצע יאהר איז זי ביזי מיט צדקה און מעשים טובים. פון ר"ח אלול ביז ראש השנה איז זי מרעיש עולם פאר קינדער און קינד'ס־קינדער, פריינד, גוטע

פריינד און פאר כל ישראל, אפילו פאר גוים אויך. ביי נעילה לאזען זיך איהר אוים די כוחות, זי חלש'ט און עס ווערט אויף א רגע אויסגעלאשען פון דער וועלט די צניעות, די עניות, די פרומקייט, די עהרליכקייט, די גוטסקייט, די שעהנע אויגען וואס קוקען צו אייך אזוי תמימות'דיג און ווארעמען די נשמה.

זיצט זי לעבען איהר קראנקען איידעמס בעט, פון איהרע גוטמוטהיגע שווארצע אויגען קאפען הייסע טרעהרען, און עס צייגט זיך אייך אוים אז דאס איז די לעבעדיגע „רחל מכבה על בניה."

אבער דאס איז זי:

די שוויגער.

די איבערגעריסענע

שמונה - עשרה

דער טאטע האט אבגעמאכט הבדלה, אויסגעטרונ־
קען דריי פערטעל פון'ם כוס, דאס פערבליבענע ביסעל
ווייז האט ער ארויפגעגאסען אויף דער ברענענדיגער
הבדלה, די הבדלה האט שטארק „פראטעסטירט" און גע־
מאכט גוואלדען, האט זי דער טאטע צוגעדישעט צום
טיש ביז די נשמה איז איהר אינגאנצען ארויס.

מיר האבען זיך ארומגעזעצט ארום א לאנגען טיש,
דער טאטע האט זיך גענומען צו די „מעטריקעס" : פאר־
שרייבען די טויטע מיט די לעבעדיגע פון דער וואך, און
מיר, יונגווארג, האבען געווארט אויפ'ן סאמאוואר.

אין שטוב האט זיך געפיהלט אן אומעט, די עלטערע
האט באנג געטאהן זיך שיידען מיט'ן שמחת תורה
און אנהויבען א ווינטערדיג לעבען פון דאגות און
צרות פרנסה, פון בלאטעס און קעלטען, יונגווארג האט
דערשמעקט דאס חדר, די טרוקענע לימודים מיט יעקב

יוסל'ס שמיים בענקעל, און ס'איז געווען קאלאמוטנע אויפ'ן הארצען.

דער סאמאָוואר האט זיך אויך עפּעס געשטיקט און נעדישעט מעהר ווי געוועהנליך, איז די מאמע ברוגז גע־ווארען און מיר בעפוילען איך זאל נעהמען דעם טאטענ'ס שטיוועל און איהם אנבלאזען . . .

א רייטער איז צוגעלאפען צו דער טיר, איז שנעל אראָפּ פון פערד און אריין אין הויז.

— ליזר בליטשטיין ? !

— היתכן ? — ערשט נאכט געווארען, פון בעלז קיין רישקאן וואו מיר האבען געוואוינט איז זעקס און דרייסיג ווערסט, מיט פּאָסט נעהמט דריי שטונדען פאהרען !

דער טאטע איז געווארען ווייס ווי קאלך, ער האט באלד פערשטאנען אז דאס איז א „שטיפעט" מיט א שלעכטער בשורה, ער האט זיך אויפגעשטעלט פון טיש, און איז איהם אקעגענגעגאנגען.

ליזר בליטשטיין האט ארויסגענומען א ווייסען קאנ־ווערט איהם דערלאנגט דעם טאטען, מיט ציטערדיגע הענד האָט דער טאטע אויפגעריסען דעם קאנווערט. ארויסגעשלעפּט פון דארט א קליין שטיקעל פּאפּיר, און גענומען לעזען :

מחותני יקירי כמר אברהם יוסף נ"י.

היות אזוי ווי איך האב זיך חוקר ודורש געווען אז קיין צווייטע ליגאטע וועט ביי דער יעצטיגער „פּריסוטסט־ווע" ניט העלפען, האב איך אנגעהויבען זוכען אנדערע מיטלען אז מיין איידעם זאל ניט זיין קיין „מאָסקוויטער" האב איך געטראפען איינעם א משה רופא מק"ק בעלז, וועלכער האט זיך אונטערגענומען בעזרת השם איהם צו

מאכען א קליינע בילמע אויפ'ן רעכטען אויג. צו אונ־ זער גרויסען אומגליק אבער האט המלאכה הנ"ל ניט גערא־ טען און ער האט איהם בלינד געמאכט אויפ'ן אויג . . . נעכטען איז געווען די „פריסוטסטווע", צום גרויסען אומ־ גליק האבען די דאקטוירים דערקענט אז דאס איז א גע־ מאכטע זאך און מ'האט איהם אבגעגעבען פאר א סאל־ דאט. קומט גלייך צו פאהרען כי היום קצר והמלאכה מרובה וד"ל.

מנאי יוסף המחותן שלכם.

איבערלעזענדיג דעם בריעף איז ער א פּאָר מינוט געבליבען שטעהען פארטראכט. אויף אזא אומגליק האט ער זיך ניט געריכט, מ'זאל פיהרען זיין זוהן צו דער שחיטה און איהם אפילו ניט פרעגען. ער איז גלייך צו צום טיש־קעסטעל, ארויסגענומען פון דארט עטליכע „פיזיטלעך", זיך איבערגעטאן אין די וואָכעדיגע בגדים, און איז אוועק אין פּאָטשט אריין און געהייסען שפּאַנען פערד.

אין שטוב איז געווארען א יללה, די שכנים זיינען זיך צונויפגעלאפען, און כאָטש ס'איז נאָך דאן ביי אונז אין שטעדטעל קיין טעלעפאן ניט געווען, און דעסען האט אין עטליכע מינוט דאס גאנצע שטעדטעל געוואוסט אז מ'האט יצחק אהרנ'ען „אבגעגעבען" פאר א סאלדאט.

א פּאָר טעג זיינען אוועק. קיין טעלעגראף איז נאָך דאן ניט געווען. די בעלי עגלות זיינען נאך ניט געווען אויסגעניכטערט פון'ם שמחת תורה, און האבען זיך נאָך ניט געלאזט אין וועג אריין, און קיינער האט ניט גע־ וואוסט וואס מיט'ן טאטען קומט דארט פאר.

אויפ'ן דריטען טאג נאכדעם וואס די מעשה האט

פאסירט איז צו אונזער הויז צוגעפאהרען א „שטאפעט“ פון יעדינעץ און האט געלאזט וויסען אז מיין עלטערע שוועסטער גאלדע וועלכע האט דארט געוואוינט איז שטארק שלאף, און די מאמע זאל באלד קומען צו פאה־רען.

און ווידער איז געווארען אין הויז א יללה און ווידער איז די הויז געווארען בעלאנגערט.

אויף מארגען, פרייטאג אין דער פריה, איז מיין מאמע מיט מיין עלטערן ברודער נתנאל אוועק קיין יע־דינעץ.

דעם גאנצען וועג האט די מאמע נאר שלעכטע סמנים געזעהען, ארויספאהרענדיג פון שטאדט האט זי באגעגענט א ליידיגע „סאקא“ פון וואסער . . . אויפ'ן וועג איז זיי א גלח איבערגעפאהרען . . .

איינס א זייגער זיינען זיי אנגעקומען קיין יעדינעץ. אריינפאהרענדיג אין שטאדט אריין איז זיי אקעגען געקו־מען א לויה. די מאמע האט דאס געהאלטען פאר א שלעכטען סמן, און דאס הארץ האט איהר אנגעהויבען זאגען אז עפעס שרעקליכעס וועט פאסירען.

און דאס מוטער־הארץ האט זי ניט גענארט, אריינקו־מענדיג אין הויז, אנשטאט צו געפינען דארט די קראנקע גאלדע, האט זי געטראפען דעם שפיגעל פערהאנגען מיט א וויסען ליילעך, אויפ'ן פענסטער האט געברענט א „קאַ־ניץ“, לעבען „קאניץ“ איז געשטאנען א גלאז וואסער, אויפ'ן גלאז וואסער האט געהאנגען א וויים טיכעלע. איהר איידים ישראל איז געשטאנען אין א ווינקעל און געהאלטען דאס זעקס חדשים'דיגע יתומ'ל דוד'ל און איהם געטולעט צו זיך. די מאמע האט פארלוירען דעם קאנט־

ראָל איבער זיך, זי האָט אנגעכאַפּט דעם איידעם און גע־
שריען ניט מיט איהר קול, „גיב מיר אָפּ מיין קינד״ . . .
און אנגעהויבען חלש'ן . . .

שפּעטער האָט זי פערשטאַנען אַז די לויה וואָס זי
האָט בעגעגענט איז געווען איהר טאָכטערס, אויך האָט
מען איהר דערצעהלט אַז מ'האָט זיך שטאַרק געהיילט מיט
דער לויה ניט אריינציהען אין שבת אריין, און ווען זי
האָט פרייטאָג אין דער פריה אנגעהויבען גוסס'ען האָט מען
געזוכט מיטלען ווי שנעלער דאָס צו מאַכען . . . און
איינער אַ מאַן פון אונזער שטעדטעל מיט'ן נאָמען
יחזקאל וועלכער איז גראָדע דאַמאָלסט דאָרט בייגע־
וואוינט האָט זיך דערבארימט איבער איהרע ליידען, און
האָט איהר אין מיטען גוסס'ען אנגעזאָגט די בשורה אַז
מ'האָט יצחק אהרן'ען אפּגעגעבען פאַר אַ סאָלדאַט —
און זי האָט גלייך די כשרה נשמה געלאָזט . . .

דריי טעג איז די מאַמע דאָרט שבעה געזעסען, און
מיט דער ערלויבעניש פון'ם יעדיניצער דיין איז זי אוועק־
געפאָהרען קיין בעלץ וואו זי האָט גערעכענט זיך צו טרע־
פען מיט'ן טאַטען אום צו פאַרהיטען ער זאָל ניט געוואָר
ווערען פון גאָלדעס טוידט, זי האָט מורא געהאַט ער וועט
אַזאַ קלאַפּ ניט קענען אריבערטראָגען, ווייל גאָלדען האָט
ער זעהר ליעב געהאַט, כמעט בעסער פון אַלע קינדער, זי
איז געווען הויך, און שעהן, מיט שעהנע מאַניערען, און אַ
גוטע נשמה. פרעמדע פלעגען זיך פאַר איהר די פינגער
שניידען.

ווען די מאַמע איז אנגעקומען קיין בעלץ, האָט זי
דאָרט געטראָפען אַ בריעף פון טאַטען, אַז ער איז איצט

אין סאראקע, ער האט אויס „געסטארעט" א נייע פּרי־סוטסווע, און אז אין א פּאָר טעג ארום וועט ער אהיים פאהרען דורך בעלץ.

אין דער נאכט וואס דער טאטע האט אין בעלץ גע־נעכטיגט האט זיך איהם געחלומ'ט אז גאָלדע איז געשטאר־בען . . . .

ער איז אויפגעשטאנען אין דער פריה א צוקאָכטער, און האט דערצעהלט דעם חלום. די מאמע האט אויסגע־באטלעט אלע בייזע פינסטערע חלומות אויפ'ן גלח'ס קאָפּ, און איהם פּותר חלום געווען אז דאס איז א סימן אז זי וועט אי"ה לאנג לעבען . . .

שפּעטער ווען דער טאטע האט זיך געשטעלט דאווענען האט ער מיטען שמונה עשרה ווען ער איז געשטאנען אי־בערגעדעקט מיט'ן טלית איבער'ן קאָפּ פּלוצים א געשריי געטאן „וויי צו מיר, מען טראגט גאָלדען" ! . . .

מענשען האבען איהם בערוהיגט, די מאמע האט זיך געוואונשען אלואי זאל איהר אזוי גארניט פעהלען ווי עס פעהלט גאָלדען גארניט . . .

און אזוי האט די מאמע געמיינט אז איהר וועט גע־לינגען א שטיק צייט צו פארהיטען דעם טאטען פון גע־וואויער ווערען פון דעם נייעם אומגליק. ליידער האט זי איהם ניט געקאנט אויסהיטען.

פאהרענדיג אהיים, אין דעם זעלבען טאג, פון בעלץ קיין רישקאן איז אין וואגען געזעסען א יונגערמאן וועל־כער איז געווען א גאסט אין רישקאן ביי זיינעם א קרוב אויף סוכות. און ער האט פארפיהרט א שמועס וועגען רישקאנער בחורים, ווי זיי זיינען אלע פּוסטע יונגען, גראבע מענשען און סתם לעדיגגייער. מיט איין אויס־

נאהמע פון איינעם נתנאל דעם קאזיאני רב'ס א זוהן, ער איז א גוטער מענש. א משכיל, און „כתבא רבא", ער האט נעביך יעצט געהאט א גרויסען אומגליק: זיין שוועס־טער גאָלדע איז געשטארבען . . .

גוים שרעקען זיך פאר א פּאָגראָם

א פּאַסירונג

ער האט אנגעשטעלט אן ערענסטען פנים. געקוקט אויף יעדען מ'זאל זיך האלטען רוהיג. און האט אנגעהויבען דערצעהלען:

„פון די גרויסע צייטונגס קעפליך האט איהר געוואוסט אז אין בעלץ־בעסאראביע האט מען זיך גערעכט אויף א פאָגראָם, און ווי עפּעס דורך א נס איז דער פּאָגראָם ניט געשעהן. אין וואס דער נס איז בעשטאנען ווייסט איהר ניט — וועל איך אייך דערצעהלען:

ס'איז געווען באלד נאָך דעם קעשענעווער פּאָגראָם. דער צער און צאָרן וואס די בעלזער אידען האבען אין זיך געטראגען איז געווען אומבעשרייבליך. אלע האבען קריטיקירט די קעשינעווער אידען פאר וואס זיי האבען זיך געלאזט אויסשעכטען ווי די שאָף אהן א שום ווידערשטאנד. און פיעלע יונגע לייט האבען גאָט געבעטען ער זאל ארײנשיקען די פּאָגראָמער א זין זאלען

קומען קיין בעלץ מאכען א פּאָגראָם און זיי זאָלען זיך קענען אין זיי נוקם זיין פאר די הרוגי קעשענעוו . . .

די באַציהונגען צווישען אידען און גוים זיינען גע־ווארען אנגעצויגענער פון טאג צו טאג; אידען האבען געקוקט אויף די גוים ווי אויף שונאים און געזעהען אין יעדען גוי א פּאָגראָמער. און פיעלע גוים נאכ'ן אויס־טרינקען א פּאָאר „שקאליקעס", פלעגען זיך אויסשפּרע־כען אז אין גיכען וועט מען אויסקוילען אלע „זשידעס."

האבען זיך די רייכערע אידען דערשראקען טויט־שרעק, און ניט קוקענדיג אויפ'ן פּראָטעסט פון די „יונגע" האבען זיי אוועקגעטראגען א פדיון דעם איספּראווניק, וועלכער האט צוגעזאגט שטיצע . . .

אזוי זיינען אוועק עטליכע אומרוהיגע טעג. די פייעטאנטשיקעס וואס האבען געפיהרט קעשינעווער „פארשוינען" קיין פּערליץ, האבען פון פּערליץ געבראכט „פארשוינען" צוריק קיין בעלז און יעדער „פארשוין" האט איבערדערצעהלט דעם קעשינעווער פּאָגראָם מיט מעהר איינצעלהייטען. אבער ביסלעכוויים האט מען זיך אנגע־הויבען צוגעוועהנען צום אומגליק, און מ'האט זיך בארו־היגט.

אבער פּלוצלונג האט עפּעס פּאסירט אזעלכעס וואס דער עולם האט זיך מיט א מאל אנגעהויבען צוגרייטען צו א פּאָגראָם.

ס'איז געווען אין א בן השמשות פון א הייסען זומער טאג:

פון די גאלדענע שטראלען וואס זיינען נאָך פארבלי־בען אויפ'ן שפּיץ פון'ם מארק קלויסטער האט מען געקענט זעהען אז די זון האט זיך געהאלטען אין זעצען.

די קאָמיסיאָנערען, אגענטען, סוחרים און מעקלערם האבען זיך שוין געהאלטען ביים צוגעהען פון דעם קליי־נעם בולוואר וועלכער האט זיך גערעכענט פאר דער שטאדט בירזשע.

די קאָמיסיאָנערען זיינען געגאנגען שרייבען זייערע קונדען, „היום נפדה פ"פ" אזוי און אזוי, נור זיי האבען זיך משתדל געווען און אויסגעצויגען נאָך א האלבע קאָ־פּיקע. אגענטען וואס האבען געקויפט אויף „פּארטא" און „זאסטאווע", זיינען געגאנגען און געטראכט צו זיי זאלען אנצייגען צו זייערע קאָנטארען די היינטיגע גע־קויפטע וואגאָנעס, צו אפשר ווארטען ביז מאָרגען, פּי־לייכט וועט „פעסטער" ווערען און מען וועט קענען „אָנ־ווייזען" מיט א האלבער קאפּיקע מעהר לויט'ן מקח היומי פון מארגען. היליק פון'ם גרויסען בית־המדרש איז שוין געלאפען דאוונען מנחה. און געבליבען זיינען אויף דער בירזע נאָר די קופּארידער אידען, וועלכע זיינען געקומען קויפען אראנזשינע פּאפּשויעס און האבען געווארט אויפ'ן צווייטען פּאָיעזד; געבליבען זיינען אויך די דראָזשקעס מיט די „פערד־און־וועגלעך" וואס פיהרען די פּאסאזשי־רען צום פּאָיעזד.

פּלוצים האט מען דערזעהען אויפגעקלעפּטע „פּראָק־לאמאציעס" אויף די סלופּעס פון טעלעגראף, אז היינט צוועלף ביינאכט מוזען אלע זשידעס אויסגעשאכטען ווע־רען....

אבוואל די בעלזער אידען זיינען ניט געווען ארגאָ־ניזירט, קיין טעלעפאָנען זיינען נאָך אויך ניט געווען, דאָך האט די נייעס ווי אן עלעקטריק שטראָם דורכגע־נומען גאנץ בעלז, אין א שטונדע צייט האבען אלע בעל־

זער אידען געוואוסט אז צוועלף ביי־נאכט וועט זיין א פּאָגראָם. און א באפעהל איז געגאנגען פון הויז צו הויז אז קיינער זאל די נאכט ניט שלאָפען און מען זאל זיך פערגרייטען מיט אלערליי כלי משחיתים, וואסערע מ'וועט נאָר קענען בעקומען, און טאקע באלד האט פיני ראָזענטאל געעפענט די טויערען פון זיין „זשעלעזני סקלאד" און אויסגעטיילט ביקסען מיט רעוואלווערען צו יעדען איינעם ווער עס האט פערלאנגט. אויך האבען די אפּטייקערס געטהיילט פלעשער מיט „אָליען" און אנדערע שעדליכע שטאָפען מכבד צו זיין דעם שונא . . .

בעלזער אידען זיינען ניט קיין איבערגעשראקענע. עס איז געווען צווישען זיי אמת'ע גבורים, געווען אידען וואס פלעגען אליין אראָפּלאזען א פּאס וויין אין קעלער אריין אָהן א שטריק. אידען וואס האבען געלעבט אָהן דאגות, אהן זאָרג; כמעט ביי יעדען אידען האט געמוזט זיין א פעסעל וויין אין קעלער, א „דיש־קאלע קעז און פּוטער, אביסעל ברינזע אויף פאסטראָמע אויפ'ן בוידעם, און געגעסען האט מען דוקא ניט בחפזון, נאָר פּאוואָליע מיט ישוב הדעת און וועה איז געווען דעם גוי וואס ס'האט זיך איהם פארגלוסט געבען א אידען א פּאטש . . . ווער שמועסט אז משה יאסעל קצב פלעגט אנקומען און געבען דעם „גויעץ" א שלום־עליכם, איז ער שוין געווען באווארענט מיט דער האנט צו געבען א פּאטש . . . דאָך איז די אומרוהיגקייט געווען גרויס ווען מ'איז געוואָר געווארען אז פרעמדע טשינאָווניקעס זיינען אנגעקומען אין שטאדט אריין און צווישען זיי געפינט זיך דער באוואוסטער אנטיסעמיט און ארגאניזירער פון קעשינעווער פּאָגראָם, קרושעוואן. נאָך ערגער איז

די אימה געוואָרען ווען מ'האט זיך ערקונדיגט אז דער איספראווניק איז היינט ארויסגעפאהרען פון שטאדט...

און אז ס'האט זיך דערנעהענט די באשטימטע צייט, האט מען אין גאס קיין מענשען ניט געזעהן, יעדער איז געבליבען ביי זיך אין הויז צו באשיצען זיין פאמיליע. נאָר אין יעדען ווינקעל פון שטאדט האט מען אוועקגע־שטעלט א אידישע וואך צו געבען א סימן גלייך ביים ערשטען אויסברוך צו דער הויפט וואך וואס האט זיך געפונען אין מיטעלפונקט פון שטאדט.

און דער באשטימטער מאמענט איז געקומען.

איך שטעה אויף דער וואך אויפ'ן גאָניק פון מיין הויז, געגען קליינעם בולוואר, צוזאמען מיט מיינע צוויי שכנים משה סידיקמאן און ניסעל דער אורציכעס, לעבען אונז שטעהען אויך אונזערע פרויען. די מענער זיינען באוואפענט מיט ביקסען און רעוואלווערען, די פרויען האלטען אין די הענד פלעשער מיט אליען און מיט אנ־דערע שעדליכע שטאָפען. און מיר קוקען אין דער פינס־טערניש פון דער נאכט . . . אלעס ארום איז רוהיג, שטיל, מען הערט קיין שאָרך, חוץ א פּאָר הענער וואס האַ־בען זיך צופּאטשט מיט די פליעגלען. גלייך ווי זיי וואל־טען זיך פרעהען און אונז אנזאגען די בשורה, אז די צייט איז געקומען וואס זיי וועלען דאס מאל זעהען ווי מען נעהמט א ו נ ז צו דער שחיטה. . . .

מיר זיינען אבגעשטאנען א פּאָאר שטונדען אין א נערוועזער שטילקייט, און זיך צוגעהערט צו יעדען שאָרך . . .

מיר האבען דערהערט שטילע טריט, מיר האבען זיך נערוועז איינגעהערט פון וואנען די טריט קומען . . .

מיר האבען דערזעהען עטליכע שאטענס פון מענשען דער־נעהענטערען זיך צו אונז . . .

— „קארי אקולא" ? ! כטאַ־טאם ? ! — האבען מיר אויסגעשריען מיט א באפעהלענדער שטימע און מיר האַבען אנגעהויבען טאפען די ביקסען . . . .

— „סוואַי" ! — גדליה ! — האבען מיר דערהערט א שטימע. דאס איז געווען די הויפט „סטראזשע" וואס איז ארומגעגאנגען קאָנטראלירען אנדערע סטראזשעס. זיי האבען אונז געפרעגט צו ביי אונז איז רוהיג. זיי האַבען פאררויכערט און זיינען אוועק זייער וועג און מיר זיינען געבליבען אויף אונזער וואך ביז אין דער פריה.

אויפ'ן צווייטען טאג האט מען קיין איין גוי אין שטאדט ניט געזעהען, און ס'האט יעדען געוואונדערט.

שפעטער איז ארויס דער סוד, אז אין זעלבען אווענד וואס די פראָקלאמאציעס זיינען אויסגעקלעבט געווארען, האט זיך צווישען די גוים פארשפרייט א קלאנג, אז מ'האט געזעהן די „זשידעס" טראגען ביקסען, און אז די „זשידעס" געהען מאכען א פאָגראָם אויף די גוים, זיך נוקם צו זיין פאר די קעשענעווער הרוגים. א אימה איז די גוים בעפאלען און זיי האבען זיך בעהאלטען אין די הייזער . . .

און די גאנצע נאכט זיינען זיי געלעגען אין טויט־שרעק פאר א פאָגראָם . . .

אלע האפּעו

געווינט

„בערג הרוגים!“ „צעהנדליגע טויזענדער פארוואונ־
דעטע!“

דער טרויעריגער בעריכט איז צו מיר געקומען
דורך א פארשפעטיגטער צייטונג, לעצטען ראש השנה אין
דער פריה.

איך האב ניט געהאט קיין געדולד איבערצולעזען
דעם „פראָנט־פיידזש“. איך האב גלייך איבערגעבלע־
טערט די צייטונג, און זיך גענומען זוכען די נעמען פון
מיינע אייגענע . . .

מיין שוועסטער די פריידענקערין, נאָך דעם ווי זי
האט ערהאלטען א בריעף פון איהר זוהן, אז ער איז שוין
אויפ'ן שלאכטפעלד, האט זי מורא געהאט בלייבען אין
דער היים, עס זאל איהר דארט ניט אנקומען קיין שלעכ־
טע בשורה . . . איז זי געקומען צו מיר. זי איז
געזעסען געגען מיר און האט מיר געקוקט אין דער מינע:

י האט פערשטאנען צו וואס איך האב אזוי שנעל איבער־געמישט די צייטונג.

אבער באלד איז מיך בעפאלען א שרעק, און איך האב אויפגעהערט זוכען . . .

כ'האב אוועקגעלעגט די צייטונג און אנגעהויבען שפאנען איבער דער שטוב הין־און־צוריק. א שווערער שטיין איז מיר געלעגען אויפ'ן הארצען און געפרעסט מיין נשמה . . .

— „בערג הרוגים . . . ." טויזענדער מענשען זיינען אויסגעקוילעט געווארען ווי אקסען אין שלאכט הויז, צעהנדליגע טויזענדער מענשליכע קערפערס טרינ־קען זיך אין א גיהנם פון יסורים און פיין, און צווישען זיי זיינען פילייכט דא מיינע אייגענע . . .

איך האב מיך ארומגעדרעהט ווי א צודולטער, איך האב געוואלט וויינען, וויינען און וויינען. דאס איינ־ציגע מיטעל וואס איך האב געקענט געברויכען, אבער איך האב ניט געקענט וויינען.

מיט אמאל בין איך אריינגעפאלען אין א מיסטע־ריעזער מעלאנכאָליע . . . איך האב אנגעהויבען דענ־קען אריינווארפען זיך אין א רעליגיעזען מאנטעל, זוכען הילף . . .

איך האב א פרעג געטאן מיין שוועסטער צו וואלט זי ניט געווען א בעלן אלס צייט פערטרייב צו געהען הערען א שעהנעם חזן. איך האב ערווארטעט פון איהר א שטארקען ווידערשטאנד, אבער מיין שוועסטער האט זיך גלייך אנגעכאפט אין מיין פארשלאג און מיר זיינען אוועק אין דער נאהענטער שוהל מיט נאָך אייניגע פון אונזער פאמיליע, וואו מ'האט פאר אונז ברייט געעפענט

די „שערי־צדק.“

זיץ איך אין שוהל און טראכט וועגען בייזען „ראש־השנה“ גייסט, וועלכער שרייבט אונטער אזוי אומ־ברחמנות'דיג טויטע אורטהיילען: ווער ס'זאל שטארבען פון הונגער, ווער פון דאָרשט, ווער פון שווערד, ווער פון מגפה. ווער ס'זאל פארברענט ווערען, ווער דערטרונ־קען ווערען, ווער דערוואָרגען ווערען, ווער עס זאל שטאר־בען מיט זיין סוף און ווער אהן א סוף . . . מיין „גע־דרעפטעטער“ זוהן זיצט לעבען מיר, האלט אפען דאס „מחזור“ און קוקט זיך איין אין „מי יחיה“ . . .
לעבען איהם זיצט מיין שוועסטער די פריידענקערין.

די שוהל איז באזעצט מיט מענשען, אנטקעגען, אין מזרח, שטעהט א גרויסער „ארון־קודש“, ווייס גע־פארבט, א סימן פון אומשולד. און דארט וואוינט כביכול. קוק איך צווישען עולם און זוך די שולדיגע . . . און איך זעה ווי אלע זיינען דערשלאגען אלע האלטען די אויגען אראָפּ. און איך דענק אז אלע זיינען שול־דיגע . . .

אין שוהל איז שטיל. עס הערשט א געהיימניס־פולע שטילקייט, גלייך עפּעס ווי פאר א גרויסער געשע־העניש.

און דאס הארץ פרעסט. די נשמה שטיקט, עס ווילט זיך וויינען. איך בין געקומען וויינען, וויינען, וויינען און אבוויינען. איך וואלט וועלען איצט זיין יענער ערנסט גלויביגער פון אמאל. איך וואלט וועלען זיין אין מיין טאטען'ס שוהל. עפענען יענעם אלטען פערויכערטען „ארון־קודש“, ארייגלעגען אהין דעם קאפּ און ליאר־מען . . .

אבער . . . אבער איך בין דאָ, און דא בין איך ניט געקומען בעטען, דא בין איך געקומען וויינען . . . איך בין געקומען, איך ווייס אליין ניט צו וואס . . .

און איך בלעטער דעם מחזור, איך נישטער און זוך. און עס מישען זיך אויף אלטע זכרונות, עס לעבען אויף אלטע בילדער. איך זעה דארט שטעהען דעם טאטען איינגעוויקעלט אין קיטעל און באגיסענדיג דעם „בראש־השנה" מיט טרערען. איך הער מיין פאטער גוואלדעווען ביי „לאל עורך דין", איך זעה ווי ער ווארפט זיך אין אלע זייטען מיט מסירת נפש און פאטשט אין דער וואנט, גלייך ווי ער וואלט וועלען דער׳הרגענען דעם שטן . . . און מיין יונגע נשמה צאפעלט זיך און ציטערט און פאר גרויס שרעק הויב איך אויך אן גוואלדעווען און שרייען, צו פערשרייען די מורא . . .

זאגט „יזכור"! — האט א יונג־אלטער מאן מיט א ווייס זילבערנער בארד אויסגעשריען.

אויפ׳ן „באלעמער" האט זיך באלד בעוויזען דער רב אין דער באגלייטונג פון צוויי אמעריקאנער סאלדא־טען אנגעטאהן אין יוניפארמס.

די שטימונג איז געווארען נאָך נעדריקטער.

און דער רב האט באפוילען אז אלע וואס האבען קינדער אויף די שלאכטפעלדער זאלען צו קומען און גע־בען זייערע נעמען; ער וויל מאכען יעדען א מי־שברך.

האבען אלע געגעבען די נעמען פון זייערע קינדער.

מיין שוועסטער אויך . . .

נאָך די מי־שברך׳ס האט דער רב געזאגט ער האט עפעס צו זאגען וועגען הזכרת נשמות.

און ער האט געזאגט . . .

— אז ער ווייסט ניט נאך ווען מען דארף זא־
גען יזכור, צו נאָך די וואס זיינען שוין לאנג געשטאר־
בען, אדער נאך די יונגע לייט וואס זיינען איצט אויף
די שלאכטפעלדער . . .

ער האט דאן אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צום יונגען־
אלטען מיט דעם ווייס־זילבערנע בארד, און איהם אריינ־
גערעדט א סוד אין אויער.

און אויפ'ן „באלעמער" האט מען ארויפגעפיהרט א
בלינדען מאן.

דאס איז געווען דער בלינדער חזן.

ער האט אנגעהויבען דרעהען דעם קאָפּ אין אלע
זייטען, ווי ער וואלט געזוכט עפּעס בעקאנטע . . . דאן
האט ער אנגעהויבען טאפּען מיט די פינגער אויפ'ן
„שלחן" און אנגעהויבען שטיל, אין א וויינענדיגען טאן ;
„יזכור אלהים את נשמת הרוגי מלחמה." . . . .

דער טאן איז געווען לייריש, בעטלעריש, און האט
דערמאנט אין די צייטען ווען בעטלער פלעגען זיצען
אין די מארקען, דרעהען מיט דער לירע און בעטען צום
„סוויאטאי לאזאר" . . . .

די טענער זיינען געווארען וואס אמאל מעלאנכאָ־
לישער און טרויעריגער, העכער און שטארקער, שרייענ־
דער און וויינענדער.

און עס האט זיך מיר פארגעשטעלט, אז איך הער
דאס קראכען פון קאנאנען, איך הער וואהנזיניגע קולות.
אז איך זעה ווי שפּיזען רייסען אויף בייכער, איך זעה
ווי עס פליהען קעפּ. עס פאלען קערפּערס, און בלוט־
דורשטיגע חיות און אנדערע מלאכי חבלה פאלען ארויף
מיט דורשטיגע ליידענשאפט אויף די אבגעהאקטע גליע־

דער וועלכע שווימען ארום אין טייכען בלוט . . . . .
מיר האט זיך געדאכט אז איך הער די הארצרייסענדע קרעכצען פון די צעהאקטע צעבוטשערטע און צעקאליט־שעטע קערפערס וועלכע ראנגלען זיך אין זייערע טויט אנגסטען. און צווישען די אומגליקליכע שטעהט דארט מיין זוהן א בלייכער, דרעהט מיט דער לירע, און בעט הילף . . .

איך האב מיך שטארק צואוויינט . . .

און ניט נאָר איך האב געוויינט, אלע האבען גע־וויינט . . .

אחיים

ווען איך בין אריין אין טריין, האב איך דערהערט עטליכע שטארקע שטימען ארויסדונערן פון א צווייטער קאר:

„מיר שווערען איהם ליעבע,
מיר שווערען איהם טרייהייט,
צוריק דאס געוועהר ניט לעגען פון האנד,
ביז וואנען מיר וועלען ערקעמפען
אין פרייהייט,
א רוהיגעס לעבען, אין אייגענעם לאנד!“

די מעלאנכאָלישע טענער פון די זיסע שטימען האבען מיך גלייך אריינגעווארפען אין איין אנדער וועלט. איך האב דערפיהלט א צופעניש ביי דער נשמה, מיט א טיעפען הארץ בענקעניש, און ווי דורך א מאגנעט בין איך אריינגעצויגען געווארען אין דער זעלבער קאר פון וואנען די שטימען האבען געקלונגען. און איך האב דערזעהען

פאר זיך א גרופּע אידישע לעגיאָנערען שטעהען און זינ־
גען „די שבועה".

איך בין געבליבען שטעהען ווי היפּנאָטיזירט פון
דער בעגייסטערטער אטמאספערע: א גרופּע פעסט־געַ־
בויעטע יונגע לייט, קינדער פון איינגעבוירענעם ישראל,
האבען דערהערט א געטליכע שטימע, אז דאס אידישע
פאלק דאַרף האבען יונג בלוט אין זיינע אָדערען. מען
רופט איהם צו די הרי יהודה פאַרטזעצען דעם מאקאבייער־
קאמפּף פאר דער בעפרייאונג פון זייער לאנד. און זיי האַ־
בען איבערגעלאזט אלעס וואס זיי איז ליעב, געזאגט דעם
לעצטען גוד־באי צו זייערע טאטעס, מאמעס, שוועסטער,
ברידער, פריינד און גוטע פריינד, איבערגעלאזט אלע
אינטערעסען אין לעבען און פאהרען רעטען דאס אידי־
שע לאנד. זיי פאהרען קעמפּפען און ווען נויטיג שטאר־
בען, אום זייער פאלק זאל לעבען, און זיי גיבען דאָ זייער
שבועה, זיי שווערען ליעבע און טרייהייט, ניט אוועק־
צולעגען דאס געוועהר פון האנד ביז וואנען זיי וועלען
ניט אויסקעמפּפען א רוהיגעס לעבען אויף דעם אייגע־
נעם לאנד.

— וואוהין פאהרט איהר? — האב איך זיך געווענ־
דעט צו איינעם פון זיי מיט א פראגע, ווען זיי האבען
אויפגעהערט זינגען — וואוהין פאהרט איהר יעצט?

— אהיים — אהיים פאָהרען מיר! — האט ער
מיט געענטפערט ערנסט.

— אהיים? — האב איך איבערגעפרעגט בלשון
בתמיה, ניט פערשטעהענדיג אייגענטליך וואס ער מיינט.

— יעס סער, אהיים! — האט ער ווידער געענט־
פערט אין א זיכערען טאן — אהיים צו דער מאמע רחל,

אהיים צו אונזערע אבות, אהיים אין אונזער אייגענעם לאנד, אויף אונזער אייגענער ערד. קיין אנדער היים האב איך ניט. פיער יאהר האב איך געדיענט דעם רוסישען צאר און אז איך בין אהיים געקומען פון דיענסט האט מען מיך צוריק ניט אריינגעלאזט. דאָ האבען זיי געזאגט, איז ניט דיין היים, דאָ איז די פופציג ווערסט.... און זייט דאן וואנדער איך ארום איבער דער גאָרער וועלט, אָן א היים. מיין נשמה קען קיין מקום מנוחה ניט געפינען, עס געלינגט מיר אפילו יא אמאל דעם קערפער אבצורוהען, אבער ניט די נשמה. האבען מיך געפונען די ענגלישע שומרים און פרעגען מיך, וואס זוכסטו? זאג איך: א היים זוך איך. זאגען זיי: א היים? קום, מיר וועלען דיר ווייזען וואו דיין היים איז. אָט דאָרט, דאָרט אונטער די בלויע הימלען, דאָרט אונטער דער שטארקער זונען־שיין; דאָרט וואו עס פלעגט אמאל ריינען מילך און האָניג, דאָרט וואו עס רוהען דיינע אבות, — דאָרט איז דיין היים.

און מיר פאָהרען אהיים! אהיים! אהיים! און מיר שווערען, מיר שווערען! . . . און מ'האט ווידער אנגעהויבען שווערען . . . און איך בין געשטאנען און אויסגעהערט זייער שבועה . . .

און דאס הארץ האט געוויינט, און די אויגען האבען געקאפעט . . .

איך האב זיי מקנא געווען . . . איך פאהר אויך אהיים, אבער איך פאָהר קעמפפען פאר'ן טויט, עסען פון דער קאָרעטע אזוי לאנג ביז צום פלאצען . . . און זיי פאָהרען קעמפפען פאר'ן לעבען, זיי זיינען די גליקליכע מענשען וואס די געשיכטע האט זיי בעשטימט צום

לעבען . . . אבער אזוי איז דאס : גרויסע מענשען שטארבען און לעבען, קליינע מענשען לעבען און שטארבען . . .

איך האב אויסגעדרעהט דעם קאָפּ צום פענסטער מ'זאל ניט בעמערקען מיינע טרערען. פאר מיינע אויגען האבען אנגעהויבען שווינדלען וועלדער, פעלדער, הייזער, בוימער. אלע זיינען אוועק און פערשוואונדען אין דער אונענדליכקייט פון דער זונענדיגער נאטור. פון ווייטען האב איך בעמערקט א פארמער פיהרען א קליין קעלבעלע, הפנים צו דער שחיטה. דאס האט מיך דערמאנט אין עקדת יצחק ווי אברהם האט זיין איינציגען זוהן מקריב געווען פאר אן אידעאל . . . און איך האב געטראכט : ווי גרויס איז אונזער פאטער אברהם געווען ווען ער איז געשטאנען פאר דער עקדה ; און ווי קליין זיינען מיר זיינע קינדער ווען מיר שטעהען לעבען הר סיני...

— „נעקסט סטאפּ מאנהעטען טרענספער" — האט דער קאָנדוקטאר אויסגעשריגען און מיינע געדאנקען זיינען מיט אמאל געווארען איבערגעריסען.

מיר האבען זיך אנגעהויבען געזעגענען.

— איהר פאָהרט אהיים קינדער ? פאָהרט לחיים ולשלום, ה' יצליח דרככם. און אז עמיצער וועט אייך וואגען פרעגען, פארוואס דאס איז אייער לאנד, זאלט איהר צייגען די וואונדיגע אדערען, פון וואנען איהר האט אייער יונגע בלוט געצאפּט. גריעסט דאָרט די לעבעדיגע און וועקט די טויטע. גריסט דער מאמע רחל. זאגט איהר, אז די צייט קומט און „ושבו בנים לגבולם". קלאַפּט דאָרט אן אין קבר פון מקונן ירמיהו, ער שטעהט דאָרט אנגעשפּארט אויפ'ן שטעקען און ווארט אויף תחית המתים . . .

צווייפאראדעז

1.

ס'איז געווען א פעלקער פאראד. אלע פעלקער און נאציאנען האבען זיך פעראייניגט צו געווינען די פריי־הייט פון אלע פעלקער און נאציאנען.

ביי דיעזער היסטארישער געלעגענהייט האט יעדער פאָלק דעמאָנסטרירט און געצייגט דער וועלט זיין טראַ־דיציאנעלע און קולטורעלע גרויסקייט.

עס האבען מאשירט פערשיעדענע נאציאנען: פראנצויזען, איטאליענער, ענגלענדער, אירלענדער, סלאַ־ווישע פעלקער, כינעזער, יאפאנעזער, רוסען און פּאָליאקען, יעדער פאָלק איז געגאנגען שטאָלץ צום טאקט און געזונגען זיין מארסעליעזע; יעדער פאָלק האט פארגע־שטעלט דאס שעהנסטע וואס זיין פאלק פערמאגט, יונ־געלייט האבען מאשירט אין פאלקען אין זייערע נאציאַ־נאלע קאָסטיומען; מיידלעך האבען געטראגען גרויסע נאציאנאלע פלעגס; סקוהל קינדער האבען מאשירט ווי

אמת'ע סאלדאטען. אלעס איז געווען איינעג און טאק־טיש און האבען געצווינגען די אויפמערקזאמקייט פון יעדען. פאר יעדער נאציאן איז זיך געגאנגען זיין מוזיק און גע־שפּיעלט זיין נאציאָנאלע הימן. און אויף גרויסע ווע־גען, מאשינען און „טראָקס" האבען זיי פארגעשטעלט זייערע טראדיציאָנעלע ירושות פון אלטערטהום.

אויך די אידען האבען אין יענעם טאג ארויסגעטרא־טען דעם ערשטען מאָל אין זייער גלות געשיכטע אלס פאָלק צווישען פעלקער, אלס נאציאן צווישען נאציאנען.

איך בין געשטאנען לעבען א גרופּע ציוניסטען וועל־כע האבען געהאט מיט זיך א גרויסען ציון פלאג און גע־ווארט מקבל פּנים צו זיין דאס מארשירענדע אידישע פאָלק. זיי האבען שטארק אפּלאָדירט די פערביי־געהענדע פעלקער, די שכנים און חברים; ערוווארטענדיג אז גע־ווים וועלען זיי באלד קריגען בעצאהלט מיט פּראָצענט ווען זייער אידיש פאלק, דאס פאָלק פון אלע פעלקער וועלען אנקומען און צייגען וואס זיי פערמאגען . . .

און אונזער פאנטאזיע האט אונז אנגעהויבען מאה־לען פערשיעדענע בילדער, מיר האבען זיך פארגעשטעלט: אז דאס אידישע פאלק וועט קומען און ברענגען מיט זיך די ראָמאנטישע שעהנהייט, פריהער וועלען געהן די „בנות ציון" די צוקונפטיגע מוטערס פון דער אידישער נאציאן און טראגען א גרויסען אידישען פלאג די ווייס־בלויע פאהן, דער סימבאָל פון הערליכקייט און אומשולד. נאָך זיי וועט מען דורכפיהרען אויף א וואָגען דעם היסטא־רישען העלד, שמשון הגבור, וועלכער וועט זיך אנהאלטען אן די זיילען מיט א ווארנונג, אז אויב איך קריעג ניט קיין פרייהייט, איז „תמות נפשי עם פלשתים" . . .

אויף א צווייטען וואגען וועלען די אידישע „נשרים“ פארשטעלען „עקדת יצחק“, צו צייגען די פעלקער, אז אי־דען זיינען פעהיג מקריב צו זיין זייערע קינדער פאר אן אידעאל . . . . אויף א דריטען וואגען — חנה מיט די זיבען זיהן, זאלען נאציאנען זעהען ווי א אידישע מאמע לאזט קוילען איהרע קינדער פאר איהר רעלי־גיאן . . . אויף א פיערטען וואָגען וועט מען פארשטע־לען „עבודת בית־המקדש“ און אונזערע לוים, עלמאן, קרייזלער, חפיץ, צימבאליסט, גלוק און ראָזענבלאט ווע־לען שפיעלען און זינגען „שירי ציון“ . . . אויף א פינפטען וואגען וועט מען פארשטעלען „חורבן בית המקדש“ . . . . אידען זיינען דאָך עפעס רייך אין היס־טארישע געשעהענישען.

אזוי האבען מיר פאנטאזירט . . .

ביז . . . .

דאס אידישע פאָלק איז אנגעקומען.

פערשפעטיגט, אבער דאָך געקומען.

פריהער א פעהנדיל צו וועלכען עס האט געפעהלט אן עפעל מיט א ליכטעל פון אויבען. דערנאָך א כאָפטע אידען. פערשיעדענע פנים׳ער, פערשיעדענע מיינונגען... פערשיעדענע גענג, איינער אריין, דער צווייטער ארויס; איינער מיט׳ן רעכטען פוס, דער צווייטער מיט׳ן לינ־קען. א סך יוניאן פאהנען . . . זכר לביזנעס . . . אלע מיט ארָאבגעלאזענע נעז, גלייך ווי דאס הארץ וואלט זיי געזאגט, אז דער מארש איז א פאָררעדע צו א לויה . . .

— „לוק עט די דזשום“! — האט א באָם א גע־שריי געטאן — בוה! . . .

ביי אונז האט דאס בלוט א זעץ געטאן אין פנים

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

— ניט געלונגען . . . .

.2

אלע סטאָרם פערמאכט.
אלע שעפער געשלאסען.
אלע שוהלען לעער.
אלע טהעאטערע צו.

— דאס אידישע פאָלק געהט צו א לויה. זיינען מלוה א ריפ פון׳ם פאלק, און האבען זיך פערזאמעלט צו וויינען בצבור . . .

איינגעוויקעלט אין טרויער געהט דער אלטער ישראל, בלאס פון בלוטלאָזיגקייט וואס די פעלקער, זיינע חברים, האבען פון איהם אבגעצאפט. ער טראגט א צוריסענעם פלאג, בעהאנגען מיט א שווארצען קרעפ, און קוקט מיט שרעק און צארן אויף דער געגענווארט . . . .

עס שלעפען זיך גרויסע שווארצע וועגען: אויף איינעם ליגען אידישע זקנים און די חברים פון די אומות העולם קלאפען זיי צוועקעס אין די בייכער . . . אויף א צווייטען וואגען שטעהט א אידישער זקן און גראָבט פאר זיך זיין אייגענעם קבר . . . אויף א דריטען וואגען א סך תליות אויף וועלכע עס הייגגען אידישע מענער און פרויען . . . אויף א פערטען וואגען שטעהט א „חבר״ און האלט א אידיש קינד ביי די פיסלעך און קלאפט מיט׳ן קעפעל אן א שטיין . . . אויף א פינפטען וועגען שטעהט א גרויסע טרונע אין וועלכען עס ליגען אנגעווארפען הענד, פיס, קעפ, אויערען, אויגען,

צעהאקטע און צושניטענע אברים . . . ישראל קוקט זיך צו, ער דערקענט זיין פאטערס הארץ, זיין מאמעס ברוסט, זיין זיידענס מארך, זיין ברודערס אויג . . . .

אין שווארצען געהילט געהט דער חזן נאָך דער פּראָצעסיע און קרעכצט „אל מלא רחמים . . . גאָט וואס ביזט פול מיט דערבארעמקייט . . . שוכן במרומים, וואס רוהסט אין הימעל . . . גיב דאָרט רוה צו דער נשמה פון ישראל'ס טאטען, ישראל בן ישראל, ישראל'ס מאמע שרה בת ישראל. ישראל'ס ברודער, מנחם בן ישראל . . . שהלכו לעולמם".

— — — — — — — — — — — — — — —

— געלונגען . . .

די באָבישע

איך שטעה אין דרויסען, אדער בעסער געזאגט איך הענג אין דרויסען, פאר די טויערען פון מעטראפּאליטען, צווישען א מאסע מענער, פרויען, באים און מיידלאך.

פארוואס איך שטעה אין דרויסען, ווייס איך ניט, איך האב גראדע געדענקט זיין אינעווייניג, אבער דער שיקזאל האט מיך דא הפנים אבגעשטעלט צו זעהען דעם ניט ארגאניזירטען צער . . .

שטעה איך, ניט איך שטעה נור איך שטופּ זיך. וואוהין אייגענטליך שטופּ איך זיך ווייס איך ניט, די טויערען פון מעטראפּאליטען זיינען געשלאסען, און די האפענונג זיי צו זעהען אָפען האט מען שוין לאנג אויפגעגעבען, ווייל קיינער קען שוין אהין ניט אריין, נור אלע שטופּען זיך — שטופּ איך זיך אויך.

פאר די אויגען שוועבען נאָך די פּנים'ער פון די מאר-

שיערענדע סאלדאטען, לעגיאנערען, און רויטע מגן־דוד־ניצעס. און אין די אויערען קלינגען נאך די טענער פון טרויער מארש.

ארום מיר איז א ים פון קעפ צונויפגעפרעסט ווי די הערינג, קיינער קען ניט אריין און ניט ארויס פון דער מאסע. לעבען מיר שטעהט א פוילישער גוי מיט א גויע. אויך זיי שטופען זיך, איך דערקען זיי, געווען אמאל שכנים. אונזערע בליקען בעגעגנען זיך, מיר פערשעהמען זיך ביידע און מיר לאזען אראפ די אויגען. און עס קומט מיר אויפ'ן געדאנק, פיעלייכט שפיאנען . . .

אויף די טרעפ פון מעטראפאליטען שטעהט א אידי־שער יונגערמאן מיט א שמייכעלדיגען פנים. לאכט צום עולם און זאגט „זשאוקס". דער עולם קוקט צו איהם מיט כעס און שפאט, גלייך ווי ער וואלט צושטערען די הייליג־קייט. א פאאר מיידלעך וואס קייען „טשואינגאם" ענט־פערן איהם אויף די זשאוקס מיט הירזשענדיגען געלעכ־טער, און א פאליסמאן געפינט פאר נויטיג צו מאכען זיי אויפמערקזאם זיי זאלען זיך יעצט „בעהייווען."

ווער איז דער אידישער יונגערמאן וואס זאגט זשאוקס — קיינער ווייסט ניט, אן אלטער מאן וואס שטעהט ביי דער זייט באמערקט, אז ער, דער אידישער יונגערמאן, לעזט ניט קיין אידישע פייפערס און ווייסט ניט וואס דא קומט פאר, נאר ער האט געהערט שפיעלען מיוזיק, איז ער געקומען זיך „ענדזשויען" . . . .

צוויי גוי'שע פאליסלייט וואס זיינען געשיקט געווא־רען האלטען ארדער, שטעהען מיט אראבגעלאזענע קעפ, פערהאלטען זיך אנשטענדיג צום עולם גאר ניט מעשה פאליסלייט. עס צייגט אז זיי פיהלען מעהר דעם מאמענט

פון יענעם אידישען יונגענמאן.

פלוצלונג האט מען אנגעהויבען שרייען „די אלטע חלש'ט"! — „טראגט זי ארויס"!

אבער די אלטע האט זיך ניט געלאזט ארויסטראגען, זי האט זיך געריסען אהין, אהין צום טויער פון מעטראפאליטען.

— וואס שטופט איהר זיך באבישע? — האב איך מיך געווענדעט צו איהר מיט א פראגע ווען כ'האב געזעהן, אז זי רייסט זיך מעהר פון יעדען צום פערשלאסענעם טויער — איהר זעהט דאך אז מ'קען אהין ניט אריין.

—אוי מיין פריינד, האט זיך די אלטע אנגעהויבען בעטען,—העלפט מיר, העלפט מיר, העלפט מיר אריינגעהן אינווענינ, לאם איך מיר אבוויינען פון'ם הארץ, פיעלייכט וועט מיר גרינגער ווערען, איך ווער שיער דערווארגען, עס שטיקען מיך די טרעהרען: זיבען קינדער, זיבען מנורות, זיבען ליכט האב איך דארט געלאזט. שוין פינף יאהר האב איך פון זיי ניט געהערט. זאל איך מיר אויסמאהלען אז זיי לעבען נאך? איך וויל אריין אינעווענינ, מען זאגט אז דארט זיינען דא לייטע וואס זיינען געוועזען אין יוראפ, וואס האבען צוטהיילט דעם רעליעף. פיעלייכט וועל איך פון זיי א גערום אפנעהמען. אוי מיין פריינד, מיין הארץ זאגט מיר ניט קיין גוטעס. עפעס איז מיר דאס הארץ זעהר שווער. איך וויל אריין אינעווענינ, מען זאגט אז מען וועט מאכען א „מלא". אין דער היים קען איך ניט וויינען, איך וויל ניט מצער זיין מיין טאכטער. דא וואלט איך מיך אויסגעוויינט, זאלען די גוים זעהען אונזערע טרעהרען און פיהלען אונזערע

הערצער, איך בעט אייך העלפט מיר אריינגעהען אינע־ווענינ . . .

„איט'ס אָלל אווער" ! — האט א פּאָליסמאן אויסגע־שריען — „יו מעי גאָ האָם" !

די באבישע האט געגעבען א צארענדיגען בליק אויפן פּאָליסמאן און האט זיך צוכליפּעט . . . . מען זאגט — האט זי זיך אנגערופען וויינענדיג — אז אין אמעריקא האבען אידען גלייכע רעכטע מיט די גוים. שעהנע רעכ־טע האבען זיי, אפילו בעוויינען אידישע טויטע מעגען אויך נור גוים, און ניט אידען. גוים וועלען דארט ריידען . . . מ'שטיינס געזאגט וואס די גוי'שע טרעהרען קענען שוין העלפען, ווען זיי געהען ניט פון הארצען . . .

ווען איך בין אוועק פון דארט, האבען מיר געקלונ־גען אין די אויערען דער באבישעס ווערטער „גוים האבען אלע רעכט, אפילו בעוויינען אידישע הרוגים מעגען אויך נור גוים", און אז גוי'שע טרעהרען האבען קיין ווערטה ניט וויל זיי געהען ניט פון הארצען" . . . .

און געטראכט האב איך, פיעלייכט איז די באבישע גערעכט. איידער צונויפנעהמען א מאסע אידען און גוים זאלען צו זיי פּראָטעסטירען . . . וואלט דאך אפשר גלייכער געווען צונויפצונעהמען א מאסע גוים און אידען זאלען צו זיי פּראָטעסטירען . . . . עס וואלט דאך פיי־לייכט גלייך געווען צו לאזען דארט ריידען די באבישע אויף איהר מוטער שפּראך . . . איהרע טרעהרען וועלען דאך געווים ווירקען, זיי געהן דאָך פון הארצען . . . .

א יאהר־צייט טרויער

(א פאסירונג)

מײן זוהן זאגט צו מיר:

— פּאַ! אויב דו ווילסט בײַוואוינען עפּעס וואס אינטערעסאנטעס, קום מיט מיר הײַנט אבענד אין גרעץ קאלעדזש צו א טרויער־אבענד, צום יאהר־צײַט פון צוויי גרעץ סטודענטען וואס זײַנען לעצטען יאהר געשטארבען. איך ווייס אז דער אבענד וועט דיך זעהר פאראינטערע־סירען, ווײַל אײנע פון די צוויי נאָך וועלכע מיר טרויערן הײַנט, איז געווען א קריסטליך מײדעל, זי איז געווארען א אידין און דערנאָך גלענצענד געענדיגט גרעץ קאלעדזש, מ׳האט צו דיזען טרויער אבענד אויך אײַנגעלאדען איה־רע גוי׳שע פרײַנד. עס וועט אויך זײַן איהר ברודער, דער גרויסער מיוזיקער און קאָמפּאָזיטאר וועלכער איז זעהר א ליבעראלער מענש, און איז שטענדיג געווען זעהר גוט צו זײַן שוועסטער אפילו ווען זי איז געווארען א אידין. ער האט זי אזוי היים געליעבט, אז נאָך איהר

טויט האט ער פערלאנגט אז צו איהר „פיונעראל“ זאל אויך זיין א גלח, אום ער זאל זיכער זיין אז איהר נשמה וועט האבען אן עליה . . .

מיין זוהנ׳ס קורצע ערקלעהרונג האט מיך שטארק פעראינטערעסירט, איך האב אנגענומען די איינלאדונג, און בין אוועק אין גרעץ קאלעדזש בייצוואוינען דעם טרויער מיטינג.

דעם גאנצען וועג האט מיר גערדרעהט און געעגבערט אין מח, צוויי רעליגיאנען ביי איין יאהר־צייט, איין קרבן וועט באקלאגט ווערען פון צוויי נאציאנען, גוים מיט אי־דען וועלען צוזאמען באווייגען זייערם א קינד. פון איין זייט ברידער, שוועסטער, קרובים און גוטע פריינד, און אפשר אויך איהר מוטער וועלכע האט איבער איהר בלוט פארגאסען, טעג ניט דערעסען און נעכט ניט דערשלא־פען. פון דער צווייטער זייט איהר נייע אידישע געטרייע משפחה. וואס קען ניט פארגעסען זייער אידישע טאכ־טער, און רופען א טרויער אבענד זיך צו בערוהיגען —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען מיר זיינען אריינגעקומען אין דעם גרויסען זאל וואו דער טרויער אבענד האט בעדארפט שטאט־פינדען, האט זיך גלייך געמערקט א געדריקטע שטימונג... אלע עלעקטרישע לאמפען זיינען געווען האלב טונקעל און האבען טרויעריג גע׳שטנ׳ט אויף די אנוועזענדע וועל־כע זיינען געווען צוטהיילט אין צוויי פארטייען, איין העלפט איז בעשטאנען פון גאלע אידען, די צווייטע העלפט פון אנגעבלאזענע גוים . . .

א פאר סטודענטקעס פון גרעץ האבען אונז אנגע־וויזען פלעצער —

צווישען די אידען.

האבען מיר זיך אוועקגעזעצט.

איינער וואס זיצט גאָר נאָהענט צום פּלאטפאָרם, א הויכער שעהנער מאן, מיט לאנגע בלאָנדע האאר, און מיט א אינטעליגענט פּנים, דאס איז איהר ברודער, דער גרויסער מיוזיקער און קאָמפּאזיטאר. נאָך איהם איינינע אינטעליגענטע מענער און פרויען, אויך פּשוט'ע גוים מיט גויה'ס, געוועזענע פריינד און גוטע פריינד פון דער פערשטארבענער און זיינען געקומען יעצט פערביטערט זעהן די לייטע וואס האבען אוועקגע'גזל'ט ביי זיי א קינד . . . נעגען אונז רעכטס זיצט אן אלטע גויה וועלכע מאכט דעם איינדרוק פון דער פּוילישער „יעוודאקא" וואס פּלעגט קומען פרייטאג פארנאכט צו אונז אין שטעדטעל פּארקויפען „סעמעטשקעס" לכבוד שבת. זי איז שטארק פערביטערט, האלט די אויגען אראָבגעלאזט צו דער ערד, נאָר אלע ווייל דרעהט זי דעם קאָפּ ארונטער, גלייך ווי זי וואלט מורא געהאט עס זאל ניט אונטערקומען א איד, איהר מאכען א לאָך אין פּלייצע און אבצאפּען אביסעל בלוט אויף פּסח . . . נעגען דער פערזאמלונג שטעהט א פּלאטפארם אויף וועלכער ס'האט זיך באלד בעוויזען דער פּרעזידענט און ערקלעהרט דעם צוועק פון דעם טרויער אבענד.

ער שטעלט פאר דעם פּרינציפּאל פון גרעז, ער דערצעהלט די פערזאמעלטע ווער עס זיינען געווען די, נאָך וועמען מיר קלאגען היינט, ער שטעלט זיך אפּ, ביי דער פערשטארבענער מיסס געפּ. ער דערצעהלט מיט וואס פאר א התמדה זי האט געלערענט און שטודירט, קיינמאל ניט פערשפּעטיגט. און שטענדיג געווען די ערשטע צו

קומען אין צייט, ביז זי האט גלענצענד דורכגעמאכט גרעץ קאלעדזש.

דער פרינציפאל שטעלט פאר דעם ראבאי פון „מקוה איזראיל". א מיטעל וואוקסיגער מענש מיט א הויכען שטערן און שעהנע שפיציגע באָרד און מאכט דעם איינדרוק פון א אידישען פרינצליכען עהרענמאן וועלכען איהר קענט גלויבען אלעס וואס ער זאגט.

און ער דערצעהלט אייך אין א שעהנעם ענגליש אן אינטערעסאנטע מעשה פון מיסס געפּ נאָך וועלכער צוויי נאציאנען טרויערן היינט . . .

„מיט 25 יאהר צוריק איז צו ראבאי דר. מאראיעס, פון מקוה איזראעל אריינגעקומען א קריסטליך מיידעל און איהם פערטרויעט א סוד אז זי וויל ווערען א אידין.

דר. מאראיעס האט זי אבגעשלאגען צו מאכען אזא שריט. ער האט איהר ערקלעהרט אז צו זיין א איד מיינט ליידען גלות און צרות אויף שריט און טריט. ער האט איהר ערקלעהרט ווי אזוי אידען ווערען פערפאלגט פון דור דורות, פון גרושים און שפאנישע אינקוויזיציעס, אז אידען זיינען דאס שוואכסטע פאלק, דער „שעיר לעזאזל", מען פלאגט זיי אומעדום פאר זייער אמונה און גלויבען, און אז ער זעהט ניט איין אויב זי איז געבוירען געווארען א קריסטין צו וואס זי דארף ווערען א אידין, די קריסטליכע אמונה איז א גוטע ווען מען נוצט זי אויס צום גוטען.

אבער מיס געפּ איז בעשטאנען אויף איהרען, אז ויל ווערען א אידין.

דר. מאראיעס האט זי אבגעלעגט אויף א שטיק צייט זי זאל זיך באדענקען.

האט זי זיך באַדענקט אַז זי וויל ווערען אַ אידין, זי וויל בעלאַנגען צום אונטערדריקטען פאָלק.

האט ער זי אַבגעלעגט נאָך אויף אַ געוויסער צייט. דערנאָך האט ער זי געפיהרט פון טאָג צו טאָג ביז ער איז געשטאָרבען.

ווען ראַבאַי עלמאַלע איז אויפגענומען געוואָרען אַלס ראַבאַי אין מקוה איזראַעל איז זי געקומען צו איהם מיט דעם זעלבען פאַרשלאַג. האט ער איהר געלעגט שטיינער אין וועג, און זי ווידער געפיהרט פון טאָג צו טאָג, ביז —

איינמאָל האט זי איהם שטאַרק צוגעטראָטען און ער האט זיך ניט געקענט העלפען. די צערעמאָניע איז דורכגעפיהרט געוואָרען.

דער ראַבאַי האט דאַן פאַרגעשלאָגען מים געפ, וואָס פאַר אַ טייערע אידישע טאָכטער דאָס איז געווען, זי האט געהיט די אידישע רעליגיאָן בעסער ווי אַנדערע פרומע אידען, די גאַנצע וואָך האט זי קיין פלייש ניט געגעסען מורא האבענדיג אַז ס'איז ניט גענוג כשר, נאָר אַלע שבת פלעגט זי אַוועקגעהן אין אַ בעוואוסטען כשר'ן רעסטאָראַן וועלכער איז בעוואוסט פאַר שטרענג אָרטאָדאָקסיש און דאָרט שבת האלטען.

די איינפאַכע ערקלעהרונג האט געמאַכט אויף אַלעמען אַ שטאַרקען איינדרוק, ס'האט זיך געמערקט אַ בעסערע בעציהונג צווישעןביידע נאַציאָנען . . . .

דער ראַבאַי האט דאַן געבעטען די פערזאַמעלטע זיך אויפשטעלען, ער וויל מאַכען אַ „מלא" די געשטאָרבענע.

אַלע האבען זיך אויפגעשטעלט, אידען האבען אָנגעטאָן די העטס, גוים זיינען געבליבען אין אַ פערלעגענהייט. . . די אַלטע יעוודאַקא האט געמאַכט בעוועגונגען

צום צלם'ן . . .

דער ראבאי האט געמאכט א „מלא“ את נשמת המנוח ראבינאָוויץ . . . ואת נשמה יהודית געפ שהלכה לעולמה.

דערנאָך האט מען געזאגט צוויי קאפיטלעך תהלים מיט א קדיש.

מ'האט זיך געשטעלט דאווגען מעריב בצבור. דר. דעמביץ איז געווען דער פארבעטער, געזאגט „ברכו“ און טאקע ווייטער אליין געדאווענט און געענדיגט מיט קדיש נאָך דער געטרייער אידישער טאכטער יהודית געפ שהלכה לעולמה און ניט געלאזט נאָך זיך קיין קדיש . . .

די גאנצע צייט פון דער צערעמאָניע האט געהערשט א הייליגע שטילקייט, מ'האט געקענט הערען הערצער קלאַפען, ס'האט זיך אויסגעצייגט ווי צוויי רעליגיאנען האבען זיך פעראייניגט אין איינער . . . אפילו די פערביסענע יעוודאקא האט שוין אויך געכאפט א קוק אין דער אידישער זייט . . .

דער פרעזידענט האט ערקלעהרט דעם טרויער אבענד געענדיגט.

אלע האבען זיך אויפגעשטעלט און זיך פריינדליך בעגריסט, די שטימונג איז געווען א פריינדליכע, א הייליגע . . .

איך בין געשטאנען און בעטראכט די פוילישע גויה. עס האט זיך מיר געוואלט איהר אויסשטרעקען די האנד און זאגען: חברה יעוודאקא, עד מתי? ביז ווען וועסטו מיך אָנקוקען אזוי קרום? סוף כל סוף זעהסטו דאָך ~~די נאָז מיט מאַכאָקען דעם אנדערעהען אן אויער, און די~~

אז אלע געהן אויף איין וועג . . . לאָמיר ווערען חבר, לאָמיר זיך פעראייניגען, לאָמיר האבען איין גאָט, איין רעליגיאָן, איין נאציאָן —

א אידישע ! . . .

„געזעצליך"

דער שווארצער קרעפּ וואס איז געהאנגען ביי דער טהיר האט מיר איבערצייגט אז ס'איז א ווירקליכקייט. דער אומגליק האט פּאסירט, ר' נתן פיינגאלד איז געשטארבען.

איך געה אריין אין הויז, דער בר מינן ליגט אויסגעצויגען אין אייז באקס אונטער א שווארצען טוך, אויף וועלכען עס טיקט זיך דער שאָטען פון ליכט. לעבען איהם שטעהען זיינע צוויי טעכטער און וויינען אויס זייערע טענות פאר'ן פאטער, פארוואס ער האט זיי פערלאזען . . . אביסעל ווייטער שטעהט דער זוהן, א האלבער מת, לעבען איהם דער אנדערטייקער וועלכער רעדט איהם איין צו ארדערען א באקס וואס זאל זיין באדעקט מיט גראָבען שווארצען טוך, און גיט איהם צו פארשטעהען, אז ער מיינט ניט ח"ו זיינע אייגענע אינטערעסען נור משום כבוד המת . . .

איך בין צוגעגאנגען, און אפגעדעקט דעם שווארצען טוך, זיך געוואלט איבערצייגען אויף זיכער צו האט דער קלוגער ר״ נתן אויך געקענט באגעהן א נארישקייט . . . איך האב ארייגעקוקט אין זיין געלער, שמייכלענדער צורה, בעטרימט מיט א שיטער ווייס בערדעל, און בין פערזונקען אין מחשבות . . .

פינף און צוואנציג יאהר זיינען שוין אוועק זייט איך האב דעם נפטר געזעהען דאס לעצטע מאהל א לעבע־דיגען. ער איז דאן אלס פינף און דרייסיג יאהריגער יונ־גערמאן, מיט א קאלכדיג שווארץ בערדיל, מיט א גליק־ליכען שמייכעל אויפ׳ן פנים, געשטאנען אויסגעצויגען פאר׳ן ארון קודש און אויסגערופען צו הקפות. דאס איז שוין געווען ביי איהם כמעט א „חזקה״, אלע האבען געוואוסט אז דער כבוד בעלאנגט צו ר״ נתן פיינ־גאלד, און ר׳ נתן פלעגט אלעמען אויסרופען אויפ׳ן קול און אויסטהיילען די כבודים. אלע האבען געקוקט צו איהם און געוואלט ער זאל זיי זעהען; מיר חברה קונד־סים, האבען זיך געדרעהט ארום איהם און איהם משמש געווען, מיר האבען געוואלט נושא חן זיין ביי ר׳ נתן׳ען ער זאל אונז ח״ו ניט פארשעהמען ביי די כבודים . . .

און ר׳ נתן פלעגט אונז שעהן בעצאהלען פאר אונ־זער טרחה, דעם א שטויס, דעם א קניפ, דעם אנשטופען די נאָז מיט טאבאקע, דעם אנדרעהען אן אויער, און די יעצטיגע צוויי פערוויינטע טעכטער, זיינען דאמאלס גע־שטאנען אין שוהל קעגען איהם אויף א באנק, בחורים ובתולות האבען זיך ארום זיי געדרעהט, א קלייניגקייט, ר׳ נתן פיינגאלד׳ס טעכטער! און זיי — די טעכטער — האבען זיך געפרעגעלט אין נחת . . .

מיט פינף און צוואנציג יאהר צוריק איז דאס גע־וועו, זייט דאן האב איך איהם ניט געזעהען. איך דער־קען זיין שמייכעל . . . און מיך פערדריסט וואס איך האב מיך אזוי פיעל געקליבען פאר קבלת שלום און איהם ניט געזעהען לעבעדיג . . .

צעהן א זייגער האט זיך די לויה באדארפט אנ־פאנגען.

ר' נתן פיינגאָלד'ס בן יחיד, א גאנצער „יא־טעבע־דאם", וואס בעלאנגט אין צוויי לאדזשען מיט א „סאָ־סייעטי", און איז אומעדום געוועז פרעזידענט מיט גאל־דענע מעדאלען, לויפט ארום איבערן שטוב צעטראגען, אויפגערעגט און קאָכט זיך אויפ'ן יעצטיגען פרעזידענט און סעקרעטער . . . .

— סטייטש, — טענה'ט ער — וואו איז דאס גע־הערט געווארען אזא רציחה, זיין פאטער זאל קומען צו קבורה אהן א לויה. היתכן?

נאָר דער סעקרעטער, א איד מיט א ווייסער לעבער, האלט אפען דעם קאָנסטיטושאן און צייגט איהם איבער שווארץ אויף ווייס אז ער האט געטאהן „געזעצליך" ווי עס שטעהט געשריבען אין דער קאנסטיטושאן, אז נור ווען קינדער שטארבען דארף זיי דער לאדזש מקבר זיין, אבער ניט קיין עלטערן . . . . .

די לויה האט זיך אנגעפאנגען.

דער אנדערטייקער מיט א פאָר שכנים האבען ארויסגעטראגען דעם „ארון" אלעס איז צוגעגאנגען שטיל, די יתומים האבען זיך געשעהמט צו וויינען אויפן קול, מ'זאל ניט דערזעהען די לויה . . .

אין א שווארצער קאַרעטע צווישען די בעאמטע פון זיין לאדזש איז געזעסען דער זוהן און זיך געקאַכט איבער די לאזשען געזעצע — הערט א רציחה:

ווען א מעמבער מאכט חתונה א קינד מעג דאס קינד זיין א גנב, א קאטאַרזשניק, א שאנדע פאר׳ן כלל ישראל, שיקט איהם דער לאדזש א קאַמיטע מיט א פרע־זענט איהם איבערצוצייגען, אז דער לאדזש צו וועלכען ער בעלאנגט, נעהמט אן אנטהייל אין זיין שמחה; ווען אבער ביי דעם זעלבען מעמבער שטארבט א פאטער אדער א מוטער, מעגען זיי זיין אזעלכע וואס האבען אלע זייערע יאהרען געארבייט לטובות הכלל, דאן האט דאס מיט זיין לאדזש, גאַר ניט צו טאהן. ווייל די קאַנס־טיטושאן רעכענט ניט דעם טאַטען אדער די מאמען פאר׳ן קינד׳ס אייגענטהום . . .

שטיל און רוהיג האבען זיך די רעדער בעוואויגען און אוועקגעפיהרט אויף אייביג דעם קערפער פון ר׳ נתן פיינגאָלד אויף עולם האמת.

—„געזעצליך“ . . .

יתגדל ויתקדש...

(אויפ׳ן קבר פון מיין שוועסטער)

און זיי פערלאנגען פון מיר איך זאל א לאפעטע ערד
אויף דיין קבר שיטען.
מיט נאסער בלאָטע זאל איך דיין ארון בעוואר־
פען.
אויף דיר, טיין טייערע, היים געליעבטע שוועס־
טער.
די שטאָלצע אידישע טאָכטער.
די גייסטיגע צדקת, וואס האסט אין דיר פערקער־
פערט אלע מדות טובות, מיט וועלכע די יצירה האט איהר
בחיר בעשאפען.
אויף דיר, מיין טייערע, וואס האסט מיט דיין לע־
בען די וועלט פערשעהנערט.
ס'איז א מצוה, זאגען זיי.
און זיי הייסען מיר זאגען: „יתגדל ויתקדש."
— ניין! איך וועל עס ניט טהון!

אפֿען זאָל דיין קבר בלייבען, זאָלען מיינע טרעהרען אויף דער דעק פון דיין ארון קלאַפּען, און וויסען זאָלסטו שוועסטער מיינע אז דו ביסט דאָרט ניט אליין, מיט דיר בין איך אין קבר, ביי דיר וועלען מיינע געדאנקען רו־ הען, ביי דיר וועל איך פערברייינגען מיינע אומרוהיגע טעג. און שלאָפלאָזע נעכט . . .

יא אפען זאָל דיין קבר בלייבען!

און אז דער מלאך דומה וועט צו דיר קומען אנקלאַ־ פּען אין קבר, און וועלען וויסען ווער דו ביסט אום פון דיר חשבון אבצונעהמען, זאָל איך איהם דאס פּנים פער־ שפּייען קענען, מיט פייערדיגע שפּיעזען זיינע אויגען צו־ ברענען, געה, וועל איך איהם זאגען צו דיין חבר, דעם מלאך המות, און פון איהם פאדער דין וחשבון, דערפאר וואס ער האט גאָט'ס תורה געלעסטערט, צוגענומען די מוטער פון די פויגעלעכ'ס נעסט . . . ער האט א לע־ בען פאר דער צייט אויסגעלאשען — און שעלטען וועל איך איהם מיט „איוב'ס קללות:

„פערשאָלטען זאָל ווערען דער טאג פון דיין גע־ בוירען."

„א פינסטערער וואָלקען זאָל דיך דערשרעקען."

„קיין ליכט זאָל אויף דיר קיינמאל ניט שיינען."

„פערפלוכט זאָל ווערען די נאכט פון דיין טריי־ אומפף."

„זי זאָל ניט אריינגערעכענט ווערען אין די טעג פון יאהר."

„אין דער צאהל פון מאנאטען זאָל זי ניט קו־ מען . . ."

שוועסטער מיינע :

איך געדענק די נאכט פון דיין לעצטער גסיסה. ווען דו האסט זיך מיטען שטן פון טויט געראנגעלט.

איך האב מיר דאן די אויגען און פנים פערשטעלט, איך האב דיין אגאָנישען צער פערטראגען ניט געקאנט, איך האב דיינע פערצווייפעלטע געדאנקען געלעזען. האָסט געפיהלט אז דיין צייט איז געקומען זיך מיט אונז צו שיידען, איבערלאזען אלע דיינע געליעבטע און געהן פינסטערען אין קאלטען נאסען קבר, עביג, עביג, אויף וויפיעל די עביגקייט וועט עקזיסטירען, און דו האָסט דאן אלע גייסטיגע יסורים פון הונדערט טויטען איבערגעלעבט . . .

און דער דאקטאר האט דיר נאָך א שטונדע לעבען געשענקט, און איך האב אויפ'ן זייגער געקוקט. ווי דער ווייזער בעוועגט זיך אויפ'ן ציפער־בלאט. ווי ער רוקט זיך אלס נעהענטער און נעהענטער צו דעם שווארצען ציפער וואס דיין לעבען דארף אויסגעלאָשען ווערען. און איך האב געפיהלט ווען דער טויט האט אויף דיר זיינע טויזענדער שארפע שפיזען אנגעשטעלט, און איך האב דערפיהלט ווי די שפיזען הויבען אן לעכערען דיין ברוסט, שטעכען דיין הארץ, און יעדעם גליעד וואס האט נאָך עפעס לעבען אין זיך שמערצט אזוי גיהנום'דיג. און עס טהוט דיר אזוי גרויזאם וועה . . .

און איך האב מיך דערמאנט אז צוריק מיט צוויי יאהר, ביסטו לעבען מיין אָפעראציאנס צימער געשטאַנען, האָסט זיך אנגעהערט ווי איך מעריקע פון וועהטאג אונטער די שניט פון מעסער און דו האָסט מיין צער

איבערגעלעבט, די טיעפע שנים אין מיין לייב געפיהלט. און האָסט זיי מיט הייסע טרעהרען בענאָסען, און האָסט זיך פינסטערע בילדער פארגעשטעלט: באלד, באלד האס־טו געטראכט וועט זיך עפענען די טיר פון אָפעראציאָנס צימער, און מיין שיקזאל וועט פון דארט ארויסגעטראגען ווערען:

—„ניט געלונגען . . . "

און דו וועסט צו „מיין" לויה געהען —

און דיין מאן שטעהט לעבען מיר און בעט זיך ביי גאָט ער זאל דיך לאָזען לעבען א קריפעל . . . ער וועט דיך אין א שטופ־וועגעלע פיהרען . . .

און פון זיינע אויגען שפיגעלט זיך אפ א וועלט מיט צער, אויף זיין געזיכט ליגט א שמערץ פון טויזענד חרבנות. ער קוקט אויף דיין געזיכט ווי עס פערענדערט זיך פון רגע צו רגע, ער דערקענט דיך אז דאס ביסטו, אסתר, זיין טייערע אסתר, און ער איז פערצווייפעלט, ער ווייסט ניט צו זאל ער בעטען גאָט ער זאל דיר נאָך שיינקען א שטונדע לעבען, אדער ער זאל דיך שוין אויפ־הערען פלאגען . . .

און ער קוקט אויף דיין בילד וואס הענגט איבער דיין קאָפ, פון דאמאלס ווען איהר האט אמאל פון גליק געחלום'ט . . . אבער דאס לעבען האט אייך צרות געבראכט, איהר האט אין אייער וועג גענוג צרות געלי־טען, מיט גענוג זעלבסט אפפערונג האט איהר אייערע קינדער ערצויגען, גענוג אומרוהיגע טעג און שלאָפלאָזע נעכט האט איהר איבער זיי פערבראכט, ביז איהר האט זיי צו אזא שטופע געבראכט, מיט'ן וואונש אייער פער־

דינטען נחת צו דערלעבען . . . און איצט מוזט איהר זיך שיידען אויף אימער און אימער, ניט פיהרענדיג אפילו איין קינד צו דער חופה . . .

און דער זייגער רוקט זיך . . . רוקט זיך . . . . באלד דערגרייכט ער שוין צום פאטאלישען מאמענט . . .

און איך פיהל דאס הארץ הויבט זיך אן אין מיר ווארפען, יעדער נערוו אין מיר ציטערט, דאס פייער פון גיהנום ברענט אין מיין ברוסט. איך פיהל ווי די דיינ־קונגס קראפט פון דיין אפאראט איז אויף מיר אנגע־שטעלט, איך פיהל ווי דו בעטסט זיך ביי מיר איך זאל דיר צו הילף קומען, אבער איך בין מאכטלאז. איך קען אפילו ניט וויינען, דיין טיעפער צער האט מיינע קוואלען פון טרעהרען פערשטאפּט, א שווערער שטיין פרעסט מיין נשמה, איך קען ניט אטעמען . . . — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

און די שעה האט געשלאגען . . .
דער טויטער סיגנאל איז געגעבען . . .
דער שווארצער פאָרהאנג פאלט . . .
און . . . .

— גוד־דעי, מיין שוועסטער . . . גודביי מיין טייערע אסתר . . . קיינמאל, קיינמאל, וועל איך דיך שוין מעהר ניט זעהן . . .

מאָרגען וועל איך דיך צו דיין אייביגער רוה בע־גלייטען . . .

מאָרגען וועל איך צו „דיין" לויה געהן — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

און זיי פערלאנגען פון מיר איך זאל א לאָפּעטע ערד אויף דיין קבר שיטען.

מיט נאסער בלאָטע דיין ארון בעוואַרפען.
אויף דיר מיין היים געליעבטע שוועסטער.
די שטאָלצע אידישע טאכטער.
די גייסטיגע צדקת.
ס'איז א מצוה זאגען זיי.
און זיי הייסען מיר זאגען: יתגדל ויתקדש . . .

דער אלטער בוים

איך ווייס ניט די יאהרען פון'ם אלטען בוים, איך האב איהם קיינמאל יונג ניט געזעהען, פון זיינע דערביי־איגע שכנים קען מען אויך ווייניג וואס דערגעהען ווענען זיין אבשטאמונג און סדר־היחוס, אלץ וואס מ'קען זעהען איז, אז אלע קוקען אויף איהם מיט גרוים דרך־ארץ, רעס־פעקטירען זיין הויכע עלטער און האלטען זיך קלענער פאר איהם . . .

דאס ערשטע מאל ווען כ'האב איהם דערזעהען איז ער שוין געווען א זיידע, שטארק בעוואקסען, מיט א צור־קנייטשטען פנים, אבער פול מיט לעבען און יום־טוב'דיג געשטימט. פון אלע זיינע צווייגען האבען געגרינט שמעקענדיגע בלעטלעך, און שטאלץ איז ער געשטאנען קעגען דער זון וועלכע האט איהם געצערטעלט און גע־קושט, געווארימט זיינע אלטע ביינער, איהם אריינגע־געבען לוסט צום לעבען. ער איז אזוי שעהן געווען אז —

איך האב מיך אין איהם פארליעבט . . .

און שפעט ביינאכט, ווען אלע זיינען געשלאפען און איבערגע׳חלום׳ט צובראכענע שטיקער פון זייער פערגאנגענהייט, בין איך אוועק צו מיין געליעבטען בוים און זיך געלעגט ביי איהם צופיסענס . . .

דער אלטער בוים האט צו מיר גוטמוטהיג געשמייכעלט, מיך בא׳ריח׳ט מיט פארשיעדענע ריחות, פארשיכורט מיט פארפיומען, ביז איך בין אנשלאפען געווארען . . .

זייט דאן, ווען עס פלעגט מיך בעפאלען א מיעדקייט נאך א שווערען טאג ארבייט, ווען די לופט ארום מיר איז געווען דושנע און שטיקענד, פלעג איך אוועק צו מיין אלטען, מיך בעהאלטען אונטער זיינע פליעגלען, זיך איינקוקען אין זיין לעבען, און חלום׳ן זיינע חלומות . . .

און אפטמאל, ווען א קיהל ווינטעלע פלעגט אנהויבען בלאזען און טרייבען די לבנה אויפ׳ן לויטערען בלויען הימעל, און ווען די שטערענדליך האבען זיך צוקונדעס׳ט שפיעלענדיג זיך אין כאפערליך, פליהענדיג דער אהין און דער אהער פלעגען זיך די יונגע צווייגעלעך אין זיי מתקנא־זיין, זיך אנהויבען באוועגען, און אויפוועקען די גרינענקע בלעטעלעך, און די גרינענקע בלעטעלעך האבען אנגעמאכט א רעש, א געפילדער אז מ׳האט אזש אויפגעוועקט דעם אלטען.

דער אלטער האט זיך אויפגעכאפט און זיך ערנסט ארומגעקוקט . . . זעהענדיג אז ס׳איז קיין געפאהר, פלעגט ער צוריק איינשלעפען דאס יונגווארג, דערצעהלענדיג זיי פערשיעדענע מעשה׳לעך.

אפט מאל פלעגט ער זיי דערצעהלען טרויעריגע

געשיכטעס פון זיין פארגאנגענעם לעבען, וויפיעל צוויי־געלעך ער האט שוין אין זיין לעבען פערלוירען. אייניגע האט מען פשוט אין פייער געברענט, אייניגע מיט העק אויף שטיקלעך צוהאקט, וויפיעל גרינינקע בלעטעלעך דער בייזער ווינט האט שוין פון איהם פארטראגען, און וואס פאר א שווערע מלחמות ער האט געהאט מיט די בייזע ווינטען צו פיהרען, ווי זיי פלעגען אזוי אומ׳ברחמנות׳דיג אלע צווייגעלעך אויסברעכען, אלע בלעטעלעך אוועק־בלאָזען, איהם אליין האבען זיי אויך געוואלט עוקר מן השורש זיין נור זיינע זכות אבות זיינען איהם בייגע־שטאנען און ער איז געבליבען לעבען און ווידער אנגע־הויבען וואקסען און בליהען.

אזוי פלעגט דער אלטער דערצעהלען זיינע טרויערי־גע לעבענס געשיכטעלעך. ביז די יונגווארג פלעגט ווי־דער אנשלאפען.

און אויפשטעהען פלעגט דער אלטער פריה, זעהר פריה, ווען אלע פלעגען נאָך שלאָפען.

דערזעהענדיג די ליעבע זון פלעגט ער אנהויבען גלאנ־צען פון נחת.

און אז די נשמה האט זיך ביי איהם שטארק דער־ווארעמט, האט ער שירה אנגעהויבען זינגען.

האבען די דורכפליהענדע פויגעלעך דערהערט זיין שירה און זיך אבגעשטעלט אויף די צווייגעלעך זינגען אין כאָר.

האבען זיך אויפגעכאפט די בלעטעלאך און אנגעהוי־בען דופטען.

די פליגען האבען זיך מתקנא־געווען און זיך צו זשו־מעט.

און דער היישעריק האט אנגעקוואלען און געשפרונ־
גען אין דער לופטען — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

אָפּטמאל, ווען דער אלטער האט מיט טרויעריגע בלי־
קען נאכגעקוקט דער זון ווי זי פערגעהט, און דערזעהען
דאָרט א רויטען הימעל, פלעגט ער ווערען זעהר ערנסט.
ער האט געוואוסט אז עפּעס שרעקליכעס וועט פּאסירען,
אז א בייזער שטורם־ווינט קומט.

און דער בייזער שטורם איז געקומען.

ביטער האט דער אלטער דאן געקעמפּפט. דער
בייזער ווינט האט זיך מיט א שטורם אויף איהם גע־
ווארפען, איהם צו דר'ערד געבויגען, און שיער אויף
צווייען איהם צובראכען. די יונגע צווייגעלעך האבען זיך
דערשראקען טויט שרעק און די יונגע בלעטעלעך הא־
בען געליארעמט מיט קולי־קולות זששש. . . זששש . . .
און מיט אלע כוחות זיך אין אלטען געהאלטען. די שווא־
כערע פון זיי וואס האבען ניט געקענט ביישטעהען דעם
נסיון, האט זיי דער ווינד אבגעריסען און פארבלאזען, איי־
ניגע זיינען צו דר'ערד געפאלען, אייניגע זיינען פארקרי־
פּעלט געווארען, דער אלטער אליין איז געווארען פאר־
צווייפעלט און געטראכט אז אָט־אָט קומט זיין סוף,
אבער אויך דאס מאָל זיינען איהם זיינע זכות אבות ביי־
געשטאנען, זיינע היסטארישע ווארצלען האבען איהם
פּעסט געהאלטען און ער איז לעבען געבליבען. אבער
סימנים האט ער אויף איהם געלאזט . . .

און די ליעבע זון האט זיך ווידער באוויזען, און
ווידער גענומען שיינען אויפ'ן אלטען.

און דער אלטער האט ווידער אויפגעלעבט און גע־

אטהעמט מיט לעבען. געבוירען פרישע צווייגעלעך אויף וועלכע עס האבען געגרינט פרישע בלעטעלעך ביז . . . .
ביז ער האט דערפיהלט אז די זון איז געווארען צו איהם קעלטער און איהם ווייניגער געווארעמט.

און וואס אמאל איז די זון געווארען צו איהם פאל־שער און איהם אנגעהויבען פריהער פארלאזען, און דער אלטער האט פארלוירען זיין יוגענד קראפט, פארלוירען די ווירקונג אויף די יונגע. די יונגע האבען דאס דערשמעקט און זיך אנגעהויבען געהל'ן, און ניט קענענדיג ציהען מעהר קיין יניקה פון אלטען זיינען זיי געווארען אבפאל —

האט דער הימעל דערזעהען אז אלעס האלט ביים שטארבען, האט ער זיך פארכמורעט און צעוויינט . . .
און זיינע טרעהרען זיינען געפאלען אויפ'ן אל־טען.

האט דער אלטער געוואוסט אז דאס איז דער אנ־פאנג פון רעגענדיגע טעג — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

און יאוש'דיג, שטעהט דער אלטער אין די קורצע פינסטערע טעג, און לאנגע שווארצע נעכט, מיט'ן אויס־זעהען פון א הירשענ־האָרן, און קוקט אויף די פאר'יתום'־טע פעלדער מיט די אויסגעטרוקענטע פארוועלקטע גראָ־זען צווישען וועלכע זיינע בלעטליך פוילען דארט פון די רעגענס. אלעס האט אויפגעהערט צו אטהעמען מיט לע־בען, אלע וויכען פון זיין סביבה, קיין לעבעדיג באשע־פעניש זעהט ער ניט. חוץ א דורכלויפענדען הונד וואס שטעלט זיך לעבען איהם אפּ און איז איהם מטמא . . .

און דער ווינטער איז געקומען. און האט געווינ־טערט מיט אלע זיינע ווינטערדיגע קאפריזען, און די

וועלט האט זיך דערשראקען און באקומען א ווייסען קאָ־ליער; ווייסע פעלדער, ווייסע וועלדער, ווייסע דע־כער, ווייסע ערד. אלעס איז איבערגעדעקט געווארען מיט א ווייסער דעק.

האט דער פראָסט דערזעהען די ווייסע דעק, און זיינע ליידענשאפטען האבען זיך צושפּיעלט. מיט זיין גאנצער קראפט האט ער זיך ארויפגעווארפען אויף דער ווייסער דעק, זיך צולעגט אין דער לענג און אין דער ברייט, און ווען איינער האט געוואלט דארט שטעלען א פוס האט ער אנגעמאכט גוואלדען און געשריען מיט קולי־קולות . . . אזא חוצפה האט שוין די זון ניט געקענט פארטראגען, און האט איהם אנגעהויבען שטעכען מיט איהרע שפּיזען און ער איז געווארען ווייכער . . . . און ווען די בוימער האבען דערפיהלט די ווארימקייט פון דער זון האבען זיי אנגעהויבען וויינען פון פרייד, האָ־בען אויפגעהויבען די קעפּ און אראָבגעווארפען פון זיך דעם שניי. און אנגעהויבען דיינקען וועגען פריהלינג — — — — — — — — — — — — — — — —

און דער פריהלינג איז געקומען. און די נאטור האט געאטהעמט מיט פרישער לופט, דאס פריהלינג וויג־טעלע האט געגלעט, בערג און טהאלען האבען זיך אנ־געהויבען אנטאהן אין גרינע קליידער, בלומען האבען פארשפּרייט זייערע ריחות, פויגעלעך האבען געזונגען און דער סאָלאָוויי האט סאָלאָווייעט . . .

דער אלטער האט זיך אויפגעכאפּט און זעהענדיג ווי אלע לעבען, האט ער זיך אן זיי מתקנא געווען, זיך אויס־געלייכט, אויסגעצויגען, זיך ארומגעשטעקט מיט גרינע בוקעטען, זיך צעקושט מיט דער זון וועלכע האט איהם

דערוואַרעמט די נשמה און ווידער אנגעהויבן לעבן א
נאַטירליכען לעבען.
ער, דער אַלטער בוים.